STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03404

MIR ZINGEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיר זינגען

לידער פאַר היים, שול, יום-טובים און פייערונגען

פערטע, רעווידירטע אויפלאַגע

צוזאַמענגעשטעלט

— פון —

מיכל געלבאַרט

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „אַרבעטער-רינג"
ביים בילדונגס-דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער-רינג
175 איסט בראָדוויי
ניו-יאָרק, נ. י.

1־טע אויפלאַגע אונטערן נאָמען „לאָמיר זינגען“
5,000 עקזעמפּליאַרן

2־טע אויפלאַגע אונטערן נאָמען „לאָמיר זינגען“
10,000 עקזעמפּליאַרן

3־טע אויפלאַגע אונטערן נאָמען „זינגט מיט מיר“
10,000 עקזעמפּליאַרן

4־טע אויפלאַגע אונטערן נאָמען „מיר זינגען“
5,000 עקזעמפּליאַרן

Copyright 1951 By
Farlag Workmen's Circle
of the
Educational Committee of the Workmen's Circle
175 East Broadway
New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

166

אַ פאָרוואָרט צו „מיר זינגען"

דאָס דאָזיקע ביכל לידער, „מיר זינגען", ווערט אַרויסגעגעבן אין דעם יאָר ווען די יידישע קולטור־וועלט פייערט דעם 100־יאָריקן געבוירן־טאָג פון יצחק לייבוש פּרץ.

י. ל. פּרץ איז געווען דער רבי פון זיין דור. חוץ די וואונדערלעכע ווערק וואָס ער האָט געשאַפן, האָט ער באַווירקט די אַנדערע יונגע שרייבער אַרום אים, און געהאָלפן אַרויסברענגען ניט איין גרויסן טאַלאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור.

ער ווערט פאַררעכנט פאַר אַ קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, אָבער ניט נאָר דאָס אַליין. פּרץ איז געווען אַ גרויסע פּערזענלעכקייט אין דעם יידישן לעבן פון אונדזער צייט. אַלע טיילן פון דעם יידישן לעבן וואָלטן אַ סך אָרעמער געווען ווען עס וואָלט ניט געווען קיין יצחק לייבוש פּרץ.

ער איז געקומען צו דעם יידישן עפנטלעכן לעבן אין יענער צייט, ווען די יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען פאָרמירן און בויען. זי, די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, איז געוואָרן די טרעגערין פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, קען מען מיט רעכט זאָגן אַז זי האָט אויסגעהאַקט אַ פענצטער דורך וועלכן דאָס ליכט פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע האָט דערגרייכט די יידישע מאַסן. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געבראַכט אין דעם יידישן לעבן שטראַלן פון האָפענונג, פרייד און גליק. זי האָט מיט מוט און טיפן גלויבן אָנגעפאַנגען שטרעבן צו אַ גליקלעכן און אַ באַפרייטן מאָרגן.

י. ל. פּרץ האָט געהאָלפן דעם פענצטער אויסהאַקן, און ליכט און זונענשיין אַריינצולאָזן. עס איז ניט געווען קיין צופאַל

וואָס פּרץ האָט דורך זיינע „יום־טוב בלעטער", „באַנטשע שוויַיג", „אויב ניט נאָך העכער", און דורך זיינע סאָציאַלע לידער („צוויי ברידער"), אַ סך בייגעטראָגן צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין איר פריסטער אַנטוויקלונג. ער האָט געוואָלט מיט זיינע שאַפונגען די אַרבעטער־באַוועגונג גייסטיק דערהויבן. און ער האָט מצליח געווען!

עס זיינען געווען מאָמענטן אין פּרצעס לעבן ווען ער האָט זיך גייסטיק אָפּגערוקט פון דעם גרויסן אידעאַל וואָס די יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָבן מיט זיך געטראָגן. אָבער אַפילו אין יענער צייט האָבן יידישע אַרבעטער אים באַטראַכט פאַר זייערן, און י. ל. פּרץ איז זיי געבליבן געטריי אין אַלע צייטן מיט אַלע זיינע פאַרשיידענע שטימונגען און ריכטונגען.

עס איז ניט קיין צופאַל וואָס דער אַרבעטער־רינג, די גרעסטע יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, האָט אויף זיין גרויסן 50־יאָריקן יובל־צוזאַמענפאָר, באַשלאָסן אונדזערע שולן צו געבן דעם נאָמען: די י. ל. פּרץ שולן פון אַרבעטער־רינג.

יצחק לייבוש פּרץ איז געווען פון די ערשטע קעמפּערס פאַר די מאָדערנע יידישע שולן אין פּוילן, און זיין קאַמף פאַר מאָדערנער יידישער דערציאונג האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאָרער וועלט, און האָט אויך אונדזער גרויסן יידישן ישוב אין אַמעריקע ניט דורכגעלאָזט. דער יידישער ישוב אין אַמעריקע, וועלכער איז געווען אָפּגעטיילט דורך ימים פון דעם לאַנד, וואו פּרץ האָט געלעבט און געשאַפן, איז אויך פון אים שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן. מיר לעבן היינט און אָטעמען מיט די גרויסע קולטור־אוצרות וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזט דער גרויסער יידישער קלאַסיקער, יצחק לייבוש פּרץ.

דאָס ביכל לידער ווידמען מיר י. ל. פּרצן. מיר נעמען

אין ביכל אַריין אַ ריי לידער, וואָס מען האָט ביז איצט געזונגען אויף אונדזערע קאָנצערטן און אַוודאי אין אונדזערע שולן. מיר רעקאָמענדירן דאָס ביכל פאַר קאָלעקטיוון געזאַנג אויף אונדזערע ברענטש־פאַרזאַמלונגען און אין אַנדערע צווייגן פון אונדזער באַוועגונג.

די לידער ווערן אַרויסגעגעבן מיט נאָטן. זיי וועלן אַוודאי קענען באַנוצט ווערן אין אַזעלכע היימען וואו עס געפינט זיך אַ פּיאַנאָ. זאָלן די עלטערן באַאיינפלוסן די קינדער אַז זיי זאָלן שפּילן די ניגונים און זינגען פּרצעס לידער.

דאָס ביכל, כאָטש עס טראָגט אַן אַנדער נאָמען, איז אַ פאָרזעצונג פון די דריי ביכלעך וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אונטער פאַרשיידענע נעמען, און וואָס זיינען ביז איצט פאַרשפּרייט געוואָרן אין 25 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

מיר צווייפלען ניט אַז דאָס געזאַנג־ביכל וועט אַריינברענגען פרייד אין אונדזערע אַקטיוויטעטן, אויף ברענטש־פאַרזאַמלונגען, אין יידישע היימען, און אַז עס וועט העלפן באַרייכערן אונדזער יידיש קולטור־לעבן.

נ. כאַנין

בילדונגס־דירעקטאָר, אַרבעטער־רינג

באַמערקונגען און אָנווייזונגען

לויט באַריכטן און רעקאָמענדאַציעס וואָס מיר האָבן דערהאַלטן פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און יחידים וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט אונדזער געזאַנג־ביכל „זינגט מיט מיר" און רעכענענדיק זיך מיט זייערע מיינונגען, האָבן מיר אַרויסגענומען פון דער פריערדיקער זאַמלונג אַ גאַנצע ריי לידער און אַריינגעגעבן אין דעם ביכל אַ צאָל נייע, ביז איצט נאָך ניט געדרוקטע לידער, וועלכע זיינען שיין, לייכט און זינגעוודיק. פאַראַן באַליבטע לידער, וועלכע מיר האָבן זייער געוואָלט אַריינגעמען, אָבער צוליב קאָפּירייט־שטערונגען מצד די מחברים און פאַרלעגערס, האָבן מיר דאָס ניט געקאָנט טאָן. אויב עס איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט, האָבן מיר אַזעלכע לידער אַריינגענומען. דערפאַר האָבן מיר דאָס מאָל צו אַלע לידער געדרוקט די נאָטן אַזוי, אַז וואו נאָר עס קומען זיך צוזאַמען מענטשן פאַרברענגען און עס געפינט זיך עמעץ וואָס קען שפּילן פּיאַנאָ — זאָל מען שפּילן און זינגען.

מיר ווילן דאָ דאַנקען אַלע פּאָעטן און מוזיקערס וועמעס, לידער מיר האָבן אַריינגענומען.

צו אַ סך פון די לידער קען מען קריגן די פולע פּיאַנאָ־באַגלייטונג אין דער „מעטראָ מוזיק קאָמפּ.", 64 צווייטע עוועניו, ניו־יאָרק, נ. י. זינגט און האָט הנאה. ווייל געזאַנג פאַרשאַפט פרייד. און אין טעג אַזוינע ווי היינטיקע, דאַרף מען האָבן כאָטש אַ ביסל פרייד. מיר האָבן זיך געמיט, ניט בלויז אַריינצונעמען שיינע לידער, נאָר לידער פון אַ קינסטלערישן און קולטורעלן ווערט. לידער, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם יידישן לעבנס־שטייגער פון אַמאָל און היינט. לידער צוגעפּאַסט פאַר גרויס און קליין; לידער פאַר שמחות און פייערונגען; פאַר היים און שול. מיר האָפן, אַז אין אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אין יעדער יידישער שטוב, וועלן זיך געפינען די ביכלעך און מיר וועלן הערן גוטע גרוסן, אַז מ י ר ז י נ ג ע ן!

מיכל געלבאַרט

אינהאַלט

נומ׳ פון ליד		זייט
1	אַרבעטער־רינג הימן	10
2	די שבועה	12
3	ברידער מיר האָבן געשוואָרן	14
4	מיר שמידן	16
5	איך וויל ניט קיין אייזערנע קייטן	18
6	מחנות גייען	20
7	ערגעץ ווייט	22
8	גיין דאַרף מען גיין	24
9	עס ברענט	26
10	אַ וויגליד	28
11	אני מאמין	29
12	זאָג ניט קיין מאָל	30
13	יוגנט הימן	32
14	צו איינס, צוויי, דריי	34
15	טרייסט מיין פאָלק	36
16	האָף און גלויב	38
17	דאָס געבעט	40
18	שטיינערנע פּאַלאַצן	42
19	שטייט אין פעלד אַ ביימעלע	44
20	קעצעלע שטיל	46
21	ראָזשינקעס מיט מאַנדלען	48
22	שטערנדל	50
23	חנהלע לערנט לשון־קודש	52
24	דאָס נייע ליד	54
25	אין מיין גאָרטן	56
26	אַ זמרל	58
27	העי, ציגעלעך	60
28	יאַנקעלע	62
29	דו, דו	64

נומ׳ פון ליד — זייט

30 — אַ מלאך וויינט — 66
31 — די פּראָש — 68
32 — זאָל זיין — 70
33 — די מוזינקע — 72
34 — טייערע מלכה — 74
35 — מחותנים גייען — 76
36 — 80 ער און 70 זי — 78
37 — אַ ניגון ווי דו — 80
38 — אַהיים צו מיר — 82
39 — לכבוד שבת — 84
40 — שוואַרצע קאַרשעלעך — 86
41 — אַ ליבע שפּילן — 87
42 — אונטער אַ גרין ביימעלע — 88
43 — שפּאַצירן — 90
44 — איבערבעטן — 92
45 — אַלע ברידער — 94
46 — אַ ניגונדל — 96
47 — לייג איך מיר מיין קעפּעלע — 98
48 — אַנטוישטע ליבע — 100
49 — דער רבי מיט די חסידים — 102
50 — מאירקע מיין זון — 104
51 — הערש דוד — 106
52 — מחותנתטע מיינע — 108
53 — מאַריאַשע — 110
54 — ס׳פּאַלט אַ שניי — 112
55 — מיר וואַנדערן — 114
56 — שבת בין השמשות — 116
57 — אַ חלוצל — 118
58 — ים־לידער — 120
59 — דו און דאָניע — 122
60 — יידיש — 124
61 — מאַמע־לשון — 126

נומ׳ פון ליד		זייט
62	טשינג טשאַנג טשו	128
63	נאָר אַ מאַמע	129
64	אַ מעשהלע	130
65	מיר קומען אָן	132
66	אין אַן אָרעם שטיבעלע	134
67	אַ גוטע נאַכט	136
68	ערשטער מאַי	138
69	זאָג, מאַראַן	140
70	אויפֿן ניל	142
71	דיינו	144
72	חד גדיא	146
73	שמחת תורה	148
74	חנוכה, אוי, חנוכה	150
75	ברוך אתה	152
76	היינט איז פּורים	154
77	המן־טאַשן	156
78	יום־טובדיקע טעג	158

אברהם ליעסין   מאיר פּאָזנער

1

אַרבעטער־רינג הימן

מיר האָבן די היימישע פלאַמען
שוין צענדליקער יאָרן געהיט;
זיי האָבן אויך הינטער די ימען,
פאַר אונדז אַזוי ליב נאָך געגליט.
זיי האָבן אונדז גלוטיק צוזאַמען
אין אַ רינג פון אַן אָרדן געשמידט.

און אַלע פאַר איינעם,
און איינער פאַר אַל׳
באַלויכטן אין איינעם
פון איין אידעאַל.
דעם גרויסן, דעם שיינעם
פון אַרבעטער כלל.


ALL. mod.
שוין סטן - פלא שט - סי - היי די צן - הא מיר
די מער - היג אויך צן - הט זיי הים - גע רן - יט קע - לי - צטנד
זיי גלבצ - גע נטך ליב זוי-א אונדז פאר ען - ים
אן פון רינג א אין סטן - זא - צו מיק- גלו אונדז בן - הט
און נטם - איי פאר לע - א אורן שמידם גי דן - טר
פון נטם - איי אין טן - לויכ בא אל' פאר נער - איי
דעם סן - - - גרוי דטם אל - דע - אי איין
כלל. מטר צע - - אר פון נעם - שיי

ש. אַנסקי

2

די שבועה

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט.
אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט.
צוזאַמען, צוזאַמען, די פאָן זי איז גרייט,
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט,
אַ שבועה, אַ שבועה אויף לעבן און טויט.

הימל און ערד וועט אונדז הערן,
עדות די ליכטיקע שטערן,
אַ שבועה, אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן, —
מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן!

מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט,
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט.
מיר שווערן באַזיגן די פינצטערע מאַכט,
אָדער מיט העלדנמוט צו פאַלן אין שלאַכט —
אַ שבועה, אַ שבועה אויף לעבן און טויט.
הימל און ערד אַז״וו.


וטס לע - א נוים און - בעט - אר פון סטר- שוועס און דער - ברי
די סען- זא- צו סען - זא - צו שפריים - צט און זיים- צע נען- זיי
פון רן - צא פון מטרם - פלא די נריים איז די פאן
אויף טח - טבו א עה - - טבו א רוים זי איז בלום
רן - - הע אונדזוועס ערד און סל - הי מוים און בן - לע
וון עה- שבו א עה - שבו א רן - שטע קע- מי - ליכ די דוח- ע
רן - שווע סיר רן- שווע סיר רז - שווט סיר רז - מרק פון און

אַלעקסאַנדראָוו

ε

ברידער מיר האָבן געשלאָסן

ברידער מיר האָבן געשלאָסן
אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד.
מיר שטייען אין שלאַכט ווי געגאָסן,
די פאָנען, די רויטע אין האַנט.

טרעפט דיך אַ קויל מיין געטרייער,
אַ קויל פון דעם שונא, דעם הונט.
איך נעם דיך אַרוים פון דעם פייער,
און הייל דיר מיט קושן דיין וואונד.

ביסטו געפאַלן אַ טויטער,
די אויגן, די ליפּן פאַרמאַכט;
איך וויקל דיך איין אין דער פאָנע דער רויטער
און פאַלן צוזאַמען אין שלאַכט.


Andante
אויף סן - - שלאַ - גע בן - חש סיר דער - ברי
סיר באַנד - פאר איין טוים און בן - לע
די סן - נט - גע ווי טלאכט אין ען - שטיי
סיר האנט אין סט - רוי די נען - פט
די סן - - נט - גע ווי שלאכט אין ען- שטיי
האנט אין סע - רוי די נען - פט

ש. וואָלמאַן מיכל געלבאַרט

4

מיר שמידן

מיר שמידן, מיר שמידן
בייטאָג און ביינאַכט,
די רינגען זיי ווערן
אָן אויפהער געמאַכט.
אָן אויפהער געשמידט
און געפיילט און געהאַמערט,
אַ רינג אין דעם צווייטן
ווערט פלייסיק געקלאַמערט —
די גאָלדענע קייט.

מיר פלעכטן און פלעכטן
און ווערן ניט מיד,
דער גייסט און דער האַמער
זיי זינגען דאָס ליד.
מיר טאָרן ניט זאַמען,
נאָר שמידן און פלעכטן,
מיר מוזן פאַרבינדן
דעם היינט מיטן נעכטן —
ביסט נאָענט שוין צום הימל.


All. mod.
-ביי און טאג - ויי רן - שטי סיר דן - שטי טיר
-נט הער - אויף טן רן - ווט זיי גטן - רינ די נאכט
-נט אונ פיילט - נט און שטידט- נט הער - אויף אן טאכט
ווערט טן - - צוויי דים אין רינג א סערט - הא
נט - - דע - גטל די סטרט - קלא - נט סיק- פליי
קיים נט - דע - גטל די קיים

ב. וולאַדעק   מיכל געלבאַרט

5

איך וויל ניט קיין אייזערנע קייטן

איך וויל ניט קיין אייזערנע קייטן,
איך וויל ניט קיין גאָלדענע קרוין.
זי מעג זיין די גאָטהייט אַליין.   } 2
די קנעכטשאַפט איז מיאוס און ביטער —

איך וויים ניט פון מורא פאַר לייטן,
איך וויים ניט פון כורעים פאַר גאָט.
מיין האַרץ איז מיין קנעכט און באַפעלער,   } 2
מיין ווילן איז אויך מיין געבאָט.

זאָל שעלטן דער קליינלעכער שונא,
און שאַרפן זיין טעמפיקן שווערד —
צו זינקען אין פינצטערן אָפגרונט,   } 2
איז אים פון מיין צוקונפט באַשערט.

איך שפּין מיר מיין פאָדעם פון שטראַלן,
איך וועב מיר מיין גלויבן, מיין פאָן —
פון די וועלכע שפּילן אין לעבן,   } 2
געווינט נאָר דער דרייסטער דעם קאָן


Moderato
קיין ניט וויל איך סן - קיי נע- זער - איי קיין ניט וויל איך
מער - פֿי און אוס - סי איז טאפט - קנעכט די קרוין נע - דע - גאל
און אוס- סי איז טאפט- קנעכט די ליין- א היים-נאט די זיין מעג זי
איך ליין - א היים - נאט די זיין מעג זי מער-פֿי
פון ניט ווייס איך סן - ליי פאר רא - סו פון ניט ווייס
סיין לער - מע - בא און קנעכט סיין איז הארץ סיין נאט פאר טים- כור
- בא און קנעכט סיין איז הארץ סיין באט- גע סיין אויך איז לן - ווי
באט - גע סיין אויך איז לן - ווי סיין לער - מע

מיכל געלבאַרט

6

מחנות גייען

פאָרווערטס ברידער אין די רייען,
די פלאַקאַטן טראָגט פאָרויס.
מחנות גייען, גייען, גייען,
אין דעם קאַמף צום זיג פאָרויס.

ווער עס שרעקט זיך און האָט מורא
וויל מיט אונדז אין קאַמף ניט גיין,
יענער איז אַ שקלאַף געבוירן
און זאָל בלייבן אין דער היים.

פעסטער, שטאַרקער שליסט די רייען.
קאָפּ אַרויף און ברוסט פאָרויס.
מחנות גייען, גייען, גייען,
אין דעם קאַמף צום זיג פאָרויס.

ווער עס שרעקט זיך און האָט מורא,
וויל מיט אונדז אין קאַמף ניט גיין,
יענער איז אַ שקלאַף געבוירן
און זאָל בלייבן אין דער היים.


La marcia
טן - קא - פלא די ען - ריי די אין דער- ברי ווערטס- פער
נותסה ען- ניי ען - ניי טן- ניי נות - סה אויס- פער טרעגס
אויס- - פער זינג צום קאמף דעם אין ען- ניי טן - ניי טן- ניי
סיט וויל רא - סו האט און זיך שרעקט עס ווער אויס נות - סה
נער-יע רן-בוי - גע שקלאף א איז נער- יע גיין ניט קאמף אין אונדז
היים נער-יע היים-דער אין בן- בליי זאל און

7

ערגעץ ווייט

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט דאָס לאַנד, דאָס פֿאַרבאָטענע.
זיל'בריק בלויען די בערג
נאָך פֿון קיינעם באַטראָטענע.
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף,
אין דער ערד איינגעקנאָטענע,
וואַרטן אוצרות אויף אונדז,
וואַרטן אוצרות פֿאַרשאָטענע...

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט אַליין אַ געפֿאַנגענער,
אויף זיין קאָפּ שטאַרבט די שיין
פֿון דער זון, דער פֿאַרגאַנגענער.
ערגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אין שניי אַ פֿאַרשאָטענער
און געפֿינט ניט קיין וועג
צו דעם לאַנד, דעם פֿאַרבאָטענעם.


דאס ליגט ווייט גען - - ער ווייט גען - ער
בריק - זיל נע - מע - בא - פאר דאס לאנד
- בא נעם - קיי פון נאך בערג די ען - בלוי
גען - ער טיף גען - ער נע - סע - פרצ
- סע - קנט - גע -/- איינ ערד דער אין טיף
מן - וואר אונדז אויף רות - אוצ מן - וואר נע
נע - סע - שא - פאר רות - אוצ

ה. לייוויק מיכל געלבאַרט

8

גיין דאַרף מען גיין

גייט מען זיך לאַנג,
גייט מען זיך לאַנג,
בינדט מען די לענדן
אַרום מיט אַ שטריק;
קלאַפּן די שיך,
קלאַפּן די שיך.
גייט מען זיך לאַנגזאַם,
מען קוקט נים צוריק.

איז ווער געשמידט,
איז ווער געשמידט,
קען נים צעקלאַפּן
די קייט אָן אַ שטיין.
וואָס זאָל מען טאָן?
וואָס זאָל מען טאָן?
טראָגט מען די קייטן,
נאָר גיין דאַרף מען גיין.

גיט מען אונדז רו,
גיט מען אונדז רו,
איינגעמידט ווערט אויך
די האַנט, וועלכע שטראָפט.
לייגט מען זיך שטיל,
לייגט מען זיך שטיל,
לייגט מען זיך שטיל
אויף דער ערד און מען שלאָפט.

(דריטע סטראָפע ווערט געזונגען ווי די ערשטע).



מ. געבירטיק

9

עס ברענט

עס ברענט ברידערלעך, עס ברענט!
אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון,
רעכן, ברענען און צעבלאָזן,
אַלץ אַרום שוין ברענט.
און איר שטייט און קוקט
אַזוי זיך מיט פאַרלייגטע הענט.
און איר שטייט און קוקט
אַזוי זיך ווי אונדזער שטעטל ברענט.

עס ברענט ברידערלעך, עס ברענט!
אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך ברענט!
עס האָבן שוין די פייערצונגען
דאָס גאַנצע שטעטל איינגעשלונגען.
אַלץ אַרום שוין ברענט.
און איר שטייט אַזו״ו.

עס ברענט ברידערלעך, עס ברענט!
די הילף איז נאָר אין אייך געווענדט.
אַז דאָס שטעטל איז אייך טייער,
נעמט די כלים, לעשט דאָס פייער,

לעשט דאָס פֿייער מיט אייגן בלוט,
שטייט ניט ברידער,
אָט אַזוי זיך מיט פֿאַרלייגטע הענט
שטייט ניט ברידער,
לעשט דאָס פֿייער ווייל אונדזער שטעטל ברענט.



לאה רודניצקי　　　　　　יאַמפּאָלסקי

10

אַ וויגליד

ס'דרעמלען פייגל אויף די צווייגן.
שלאָף מיין טייער קינד.
ביי דיין וויגל, אויף אַ נאַרע
זיצט אַ פרעמדע און זינגט.

ליו־ליו, ליו־ליו, ליו . . .

ס'איז דיין וויגל וואו געשטאַנען
אויסגעפלאָכטן פון גליק.
און דיין מאַמע, אוי דיין מאַמע
קומט שוין קיין מאָל ניט צוריק.

ליו־ליו, ליו־ליו, ליו . . .



11

אני מאמין

אני מאמין, אני מאמין, אני מאמין
באמונה שלמה, באמונה שלמה
בביאת המשיח, בביאת המשיח
אני מאמין
ואף־על־פי שיתמהמה
עם־כל־זה אני מאמין.

אני מאמין, אני מאמין, אני מאמין
מיט גאָר מיין גלויבן (2
אַז קומען וועט משיח,
אַז קומען וועט משיח
אני מאמין.



הירש גליק

12

זאָג ניט קיין מאָל

(פּאַרטיזאַנער הימן)

זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג!
קומען וועט דאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זיינען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז לאַנד פון ווייסן שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיין מיט אונדזער וויי,
און וואו געפאַלן ס׳איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

ס׳וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדז דעם היינט
און דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט.
נאָר אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר, —
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור!

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און ניט מיט בליי.
ס׳איז ניט קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פריי,
דאָס האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט דאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס'וועט אַ פויק טאָן אונדזער טראָט, מיר זיינען דאָ!



ש. קאַטשערגינסקי כּאַסיע רובין

13

יוגנט הימן

אונדזער ליד איז פול מיט טרויער —
דרייסט איז אונדזער מונטער גאַנג!
כאָטש דער שונא וואַכט ביים טויער —
שטורעמט יוגנט מיט געזאַנג.
יונג איז יעדער, יעדער, יעדער ווע״ עס וויל נאָר
יאָרן האָבן קיין באַטייט.
אַלטע קענען, קענען, קענען אויך זיין קינדער
פון אַ נייער, פרייער צייט.
ווער עס וואָגלט אום אויף וועגן —
ווער מיט דרייסטקייט ס׳שטעלט זיין פוס.
ברענגט די יוגנט זיי אַנטקעגן
פון דער געטאָ אַ גערוס.
יונג איז יעדער אַזױ״ו.

מיר געדענקען אַלע שונאים,
מיר דערמאָנען אַלע פריינד.
אייביק וועלן מיר פאַרבינדן
אונדזער נעכטן מיטן היינט.


Marsh Tempo
איז דרייסט ער - טרוי - טיט פול אין ליד דזער- אונ
נא - טו דער כאמש גאנג מער - סונ דזער - אונ
- נע סיט נגט - ין רעסט- סטו ער - טוי ביים וואכט
עס וזער דער - יע דער- יע דער - יע איז יונג זאנג
סע- אל דייט- בא קיין בן - הא רן - יא נאר וויל
דער - קינ זיין אויך נעו - קע נעו - קע נעו- קע
צייט ע - פריי ע - גיי א פון

ל. ראָזענטאַל

14

צו איינס, צוויי, דריי

עס האָט אונדז דאָס לעבן גערופן,
דאָס לעבן פון זוניקע טעג,
האָט יעדער אין לאַנד אַזוי מונטער געשפּאַנט
און באַזונדער געגאַנגען זיין וועג.
צו איינס, צוויי, דריי —
צו איינס, צוויי, דריי —
אויף אַרבעט אין וועג זיך געלאָזט.
יעדער טראָט האָט זיין קלאַנג,
יעדער וועג זיין געזאַנג,
ווען דו ווייסט וואו דו גייסט און פאַרוואָס.

עס האָבן די אַלטע און יונגע
דאָס לעבן געבויט און געהאָפט,
ביז סע האָט אַזאַ שווערד,
אַלץ פאַרוויסט פון דער ערד,
צו איינס, צוויי, דריי —
צו איינס, צוויי, דריי —
אַזוי ווי די שאָף זיך געלאָזט.
האָט דיין פרוי און דיין קינד,
און דאָס גאַנצע געזינד
זיך געפרעגט וואוהין און פאַרוואָס.


Marsh Tempo
דאָס פן רו - גע בן - לע דאָס אונדז האָט עס
אין דער- יע האָט מטג קע - ני - זו אויף בן - לע
- גע דער - זונ - צא און שפאנט- גט מער - סונ זוי - א לאנד
צו דריי צוויי איינס צו וועג זיין גען - גאנ
לאָזט - גט זיך וועג אין בעם - אר אויף דריי צוויי איינס
- גע זיין וועג דער - יע קלאנג זיין האָט מראָט דער - יע
וואָס - פאר און גייסט דו וואו ווייסט דו ווען זאנג

י. ל. פרץ   מיכל געלבאַרט

15

טרייסט מיין פאָלק

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זייט ניט דער ווינט וואָס לעשט די פלאַם,
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!
נאָר בוימל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט.
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט.
עס האָט געלייכט שוין ניט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין ניט איין שלאַכט.
און ניט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
עס שטייט אַן אייזן פעסטע וואַנט!
אין וויסטן ווילד-פאַרקאָכטן ים.
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.


Andante
עס פאלק מיין טרייסט טרייסט די דארף עס פאלק מיין טרייסט
זייט גייסט דעם פעסט מאכט הארץ דאס שטארקט טרייסט די דארף
נאר פלאם די לעשט וואס ווינט דער ניט
און גייסט פל - בוי נאר סט איז נאכט ווייל אויף אים בלאזט
טויט איז שלאף און גיפט איז נאכט וויילקנוים די פוצט
עס פאלק מיין טרייסט טרייסט די דארף עס פאלק מיין טרייסט
טרייסט די דארף עס פאלק מיין טרייסט טרייסט די דארף

י. ל. פרץ   א. הירשין

16

האָף און גלויב

האָף, האָף, האָף!
ניט ווייט איז שוין דער פרילינג.
עס וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען.
נייע נעסטן, נייע פייגל,
וועלן נייע לידער זינגען!

די נאַכט, די נאַכט איז שוין פאַרשוואונדן
און די וואָלקנס אויך צערונען.
בלוי, בלוי וועט זיין דער הימל,
נייע שטערן, נייע זונען.

נייע רויזן, נייע בלומען,
וועלן בליען, וואַקסן הויך.
עס וועט שיינען, שמעקן, זינגען —
און אין אונדזער ווינקל אויך.

האָף, האָף, האָף... אאז״וו.


con brio
Fine

17

דאָס געבעט

רבונו של עולם, נאָך ווייניק געליטן ?
רבונו של עולם, ווען ווערסטו פאַרשיטן
דעם אָפּגרונט, דעם טיפן ?
וואָס טיילט דיינע קינדער,
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער ?

און ברייט איז דער אָפּגרונט,
און טיף ווי אַ תהום,
און זאַפּט אין זיך איין
אונדזער בלוט ווי אַ שוואָם !..
עס ציטערט פון דאָרטן דער ווייטיק — געוויין
דאָרט ליגט די נקמה און קריצט מיט די ציין.

דאָרט ליגט די פאַרצווייפלונג,
דערשראָקן, פאַרבליפּט.
מיט ליפּן ווי קוילן,
פּיים בעכער פון גיפט.
רבונו של עולם נאָך ווייניק געליטן ?
ווען ווערסטו דעם שרעקלעכן אָפּגר׳ ׳ט פאַרשיטן ?


Moderato

י. ל. פּרץ מיכל געלבאַרט

18

שטיינערנע פּאַלאַצן

שטיינערנע פּאַלאַצן,
אייזערנע באַלקאָנען,
טרעפּ פון ווייסן מאַרמאָר,
גאָלדענע סאַלאָנען.

קרישטאָל'נע זשיראַנדלען
בלאַנקען דורך די שויבן.
דאָרט וועט מיין געליבטער
זיך אַ כלה קלויבן.

זיך אַ כלה קלויבן,
שענער און געזינטער.
און איך וועל דאָ פוילן
ווי אַ בלאַט אין ווינטער.


Andante
- באל נע - זער - איי צן - לא - פא נע - נער - שמיי
- סא נע - דע - גאל מער - סאר סן - וויי פון פרעפ נען- קע
די דורך קען- בלאנ לען-ראנד- זשי נע מטל' - קריש נען - לט
לה - כ א זיך מער - ליב - נע מיין וועם דארם בן- שוי
לה - כ א זיך מער - ליב - נע מיין וועם דארם בן - קלוי
- נע און נער - שע בן - קלוי לה - כ א זיך בן -קלוי
מער-ווינ אין בלאם א ווי לן - פוי דט וועל איך און מער-זינ
מער -ווינ אין בלאם א ווי לן - פוי דט וועל איך און

י. ל. פּרץ מיכל געלבאַרט

19

שטייט אין פעלד אַביימעלע

שטייט אין פעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווייגעלעך;
זיצט דערויף אַ פייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך.

אויף די גרינע צווייגעלעך,
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע,
מאַך צו, מיין קינד, די אייגעלעך,
אַ ברכה אויף דיין קעפּעלע.

אויף די גרינע צווייגעלעך,
שלאָפן שוין די פייגעלעך,
די מאַמע זינגט זיי: אַ־אַ־אַ...
עס איז אַ שטילע נאַכט, אַ־אַ...


Moderato
עס האט לע - מע - ביי א פעלד אין שטייט
א רויף - דא זיצט לעך - גט - צוויי נע - גרי
לעך - גע - איי די צו עס מאכט לע - גע - פיי
דן - גאל א וואקסט א א לעך - גע - צוויי די אויף
א לעך - גע - איי די קינד סיין צו מאך לע - פע - ע
בר - כה אויף דיין קע - פע - לע אויף די גרי - נע
די לעך - גע - פיי די שוין פון - שלט לעך - גט - צוויי
א א נאכט לע- שטי א איז עס א א א זיי זינגט סע - סא

י. ל. פרץ　　　　מיכל געלבאַרט

20

קעצעלע שטיל

קעצעלע שטיל, מייזעלע שטיל,
מיין אוצרל שוין שלאָפן וויל.

קעלבעלע, קעלבעלע ניט געמעקט,
און מיין זונעלע ניט געוועקט.

וואָיעווע ניט, — דו ווינטעלע!
שטיל, שטיל, שטיל, — דו הינטעלע!

אין מויל פאַרבייס דיין צינגעלע,
שלאָפן וויל מיין ייִנגעלע.

קעצעלע שטיל, מייזעלע שטיל,
מיין אוצרל שוין שלאָפן וויל...


Andante
- צר - או סיין שטיל לע - זע - סיי שטיל לע - צע - קע
לע - בע - קעל לע - בע - קעל וויל פן - שלעט שוין ל
וועקט- גע נים לע- גע - זו סיין און סע'קט גע נים
דו שטיל שטיל לע - טע - ווינ דו נים ווע- יע - וועט
לע - גע - צינ דיין ביים- פאר סויל אין לע - טע - חינ
שטיל לע- צע - קע לע - גע - יינ סיין וויל פן - שלעט
וויל פן - שלעט שוין ל - צר - או סיין שטיל לע- זע - סיי

א. גאָלדפֿאַדן

21

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

אין דעם בית המקדש אין אַ ווינקל-חדר,
זיצט די אַלמנה בת-ציון אַליין.
איר בן יחידל יידעלען וויגט זי כסדר
און זינגט אים צום שלאָפֿן אַ לידעלע שיין.

אונטער יידעלעס וויגעלע,
שטייט אַ קלאָר ווייסע ציגעלע,
דאָס ציגעלע ז׳געפֿאָרן האַנדלען, —
דאָס וועט זיין דיין באַרוף,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
שלאָף זשע יידעלע שלאָף.


Andantino
אין דעם בית ח - סק - דש אין א ווינ - קל
ח - רר זיצט די אל - ם - נה בת צ - יון - א -
ליין איר בן י - חיד - דל יי דע - לטן זוינגט זי כ -
ס - דר און זיננט אים צום שלט - פן א לי - דע - לע
שירך אונ - מער יי - בע - לעס ווי - - גע - לע לע שמי'ם א
קלער ווייי - סע צי - גי - לע דאס צי - גט - לי ז'גע
פט - דן האנד - לען דאס וועט זיין דיין בא-
רוף רע - זשינ - קעס סים סאנד - לען
שלאף זשע שלאף יי - דע - לע שלאף

מ. קולבאַק

22

שטערנדל

שטערנדל, שטערנדל,
בלויער שטאַפּעטעלע,
זיי מיר אַ שליחל,
פאַל אין מיין שטעטעלע.

זען וועסט אַ געסעלע,
נאָך דעם אַ שטיבעלע,
דאָרטן געפינט זיך
מיין חרוב שטיבעלע.
שטערנדל אאַז״וו.

פֿרעג, וואָס מאַכט יאַנקעלע,
לאהצע און ריוועלע;
זאָג זיי: איך וויין און איך
קוש זייער בריוועלע.
שטערנדל אאַז״וו.

זאָג זיי, אַז יאַנקעלען
זאָל מען ניט זשאַלעווען
געבן אין חדר,
גענוג אים צו באַלעווען.
שטערנדל אַאַז"וו.

יעדער צוזינג „שטערנדל", ווערט געזונגען מיט דער צווייטער העלפט פון דער מעלאָדיע.



א. אַלמי

23

חנהלע לערנט לשון־קודש

בין איך מיר אַ לערערל און לערן לשון-קודש,
קומט צו מיר אַ חנהלע לערנען אויפֿן חודש.
אַיעטווידער פרימאָרגן זי קומט צו מיר צו לויפֿן,
לערן איך מיט חנהלען אויף אַ נייעם אופֿן.

„ראָש", פּאַרטייטש איך חנהלען, גלעטנדיק איר קעפּל,
פֿרעגט זי וואָס „תּפּוח" מיינט, ווייז איך איר אַן עפּל.
אַז עס קומט צו דעם „שיר השירים" זאָגן,
הייבן אונדזערע הערצעלעך שטאַרקער אָן צו שלאָגן.

כ'לערן אַלעם חנהלען, ווייל קיין זאַך ניט היפּן,
קומט צו „ישקני" — קוש איך אירע ליפּן.
קומט צו „תחבקני", מאַך איך ניט קיין שהיות,
כ'נעם אַרום מיין חנהלען, אוי איז דאָס אַ חיות.

קומט זי אין פרימאָרגן, זאָגט זי צו מיר „שלום!"
אַז זי גייט אַוועק, בלייב איך ווי אין חלום.
ס'גייט אַוועק אַ וואָך, ס'גייט אַוועק אַ חודש
און די שיינע חנהלע קען שוין לשון-קודש.


ון- ל רן - לע און רל - רע - לע א 'סיר איך בין
נטן - לער לע - נה - ח א סיר צו קוסט דש - קו
זי נן - סאַר- פרי דער- ווי- יסט א דש - חו פן - אוי
לטן - נה - ח סים איך רן- לע פן - לוי צו סיר צו קוסט
לטן - נה - ח סים איך רן- לע פן - או עס- ני א אויף
פן - או עס - ני א אוים

אברהם רייזען

24

דאָס נייע ליד

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט,
פון ליבע און פון שלום, —
דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפּעט
די צייט — עס איז קיין חלום.

איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד,
די מעכטיקע געזאַנגען —
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען!

עס עקט די נאַכט,
די וועלט דערוואַכט —
פול האָפענונג, לוסט און שטרעבן.
דו הערסט — אין לופט
אַ שטימע רופט.
צו מוט און קראַפט און לעבן . . .


con brio
פון ציים די זיין נאך ווייס ווי זאל און
צי וועס סען - קו דאך לום - ש פון און בע - לי
קיין איז עס ציים די שפעט צי פרי
צי וועס סען - קו דאך לום - ח
לום - ח קיין איז עס ציים די שפעט צי פרי

ח. נ. ביאַליק

25

אין מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם
מיט אַן עמער זיך געפונען.
אַלע שבת קומט אַריבער,
טרינקען וואַסער דאָרט מיין ליבער.

שאַ, מיר דוכט עס קלינגען טריט..
איז דאָס ער? — און אפשר ניט?
גיכער, גיכער! קום, מיין שיינער,
כ׳בין אַליין און ווייטער קיינער.

זעצן מיר זיך דאָ ביים וואַנט,
קאָפּ צו אַקסל, האַנט אין האַנט...
כ׳וועל דיך פרעגן אַ פּאָר זאַכן,
זאָלסט, איך בעט דיך, נאָר ניט לאַכן.

זאָג, פון וואַנען קומט דער שמאַרץ?
ווי אַ וואָרעם נאָגט דאָס האַרץ.
ס׳האָט געהערט מיין מאַמע ריידן,
אַז דו ווילסט מיט מיר זיך שיידן.

זאָגט מיין ליבער: „גיי שוין, גיי!
שונאים זאָגן דאָס אַזוי.
נאָך איין יאָר, אַז גאָט וועט וועלן,
וועלן מיר אַ חופּה שטעלן..."


Andante
נעם - ברו א חאם מן - גער סיין אין
נסן - פו - גע זיך סטר - ע און סים
בער - רי - א קוסט בת - ט לע - א
בער - לי סיין דארם סטר - ווא קען - טרינ
אין גאלד זיין טריפט וואכט סטר - ע רער הארץ סיין ווי
טער - צוויי א טריפט רל - פע א טריפט זאכט נעם - ברו
ער גייס א אס ער גייס א עם

26

אַ זמרל

לאָמיר, אַלע זינגען, לאָמיר אַלע זינגען
אַ זמרל, אַ זמרל.
לחם צו עסן, בשר ודגים וכל מטעמים.
— זאָג זשע מיר, טאַטעניו: וואָס איז לחם?
— ביי די גרויסע גבירים איז לחם אַ בולקעלע!
און ביי אונדז קבצנים, אוי קבצנים,
איז לחם אַ דאַרע סקאָרינקע.

לאָמיר אַלע זינגען אאַז״וו.

— זאָג זשע מיר, טאַטעניו: וואָס איז בשר?
— ביי די גרויסע גבירים איז בשר אַן אינדיטשקע!
און ביי אונדז קבצנים, אוי קבצנים,
איז בשר אַ מאָגערע קישקעלע.

לאָמיר אַלע זינגען אאַז״וו.

— זאָג זשע מיר, טאַטעניו: וואָס איז מטעמים?
— ביי די גרויסע גבירים איז מטעמים קאָמפּאָט!
און ביי אונדז, קבצנים, אוי קבצנים,
איז מטעמים געהאַקטענע צרות.

לאָמיר אַלע זינגען אאַז״וו.



מ. געבירטיק

27

העי, ציגעלעך

העי, ציגעלעך, קומט אַהער צו מיר געשווינד,
אַ שיין לידעלע וועל איך אויסזינגען אייך אַצינד.
פון אַ פּאַסטעכל הייבט דאָס לידעלע זיך אָן.
און אַ מיידעלע וואָס האָט כּישוף אים געטאָן. } 2

העי, ציגעלעך, הערט וואָס ווייטער איז געשען:
לוסטיק, לעבעדיק איז דאָס פּאַסטעכל געווען.
היינט ווי אומעטיק, קוקט די שעפעלעך ניט אָן,
בענקט צום מיידעלע וואָס האָט כּישוף אים געטאָן. } 2

העי, ציגעלעך, הערט פון לידעלע דעם סוף:
ווי יתומימלעך בלאָנדזשען איצט זיינע בידנע שאָף.
טיף אין טייכעלע ליגט דאָס פּאַסטעכל נאָך היינט
און דאָס מיידעלע זיצט ביים וואַסערל און וויינט. } 2


Moderato
שווינד - נט סיר צו חמר - א קוסט לעך - גוי - צי חטי
- א איך גען - זינ- אוים איך ווטל לע - דע - לי שיין א
זיך לע - דע- לי דאס הויכט כל - טע - פאס א פון ציינר
- גע אים שוף - כי תשם וואס לע- דע - סיי א און טן
דאס הויכט כל - טע - פאס א פון טון
לע - דע - סיי א און טן זיך לע - דע - לי
טאן - גע אים שוף - כי תשם וואס

28

יאַנקעלע

שלאָף זשע מיר שוין יאַנקעלע מיין שיינער,
די אייגעלעך די שוואַרצינקע מאַך צו,
אַ יינגעלע וואָס האָט שוין אַלע ציינדלעך,
מוז נאָך די מאַמע וויגן איי-ליו-ליו.

אַ יינגעלע וואָס האָט שוין אַלע ציינדלעך
און וועט מיט מזל באַלד אין חדר גיין,
און לערנען וועט ער חומש און גמרא,
זאָל וויינען ווען די מאַמע וויגט אים איין.

אַ יינגעלע וואָס לערנען וועט גמרא,
אָט שטייט דער טאַטע, קוועלט און הערט זיך צו,
אַ יינגעלע וואָס וואַקסט אַ תלמיד-חכם,
לאָזט גאַנצע נעכט דער מאַמען ניט צו רו.

אַ יינגעלע וואָס וואַקסט אַ תלמיד-חכם,
און אַ געניטער סוחר אויך צו גלייך.
אַ יינגעלע אַ קלוגער חתן-בחור,
זאָל ליגן נאַס אַזוי ווי אין אַ טייך.

שלאָף זשע מיר מיין קלוגער חתן-בחור,
דערווייל ליגסטו אין וויגעלע ביי מיר,
ס'וועט קאָסטן נאָך פיל מי און מאַמעס טרערן
ביז וואַנען ס'וועט אַ מענטש אַרויס פון דיר.


Moderato
די נער - ווי סיין לט - קע - יאנ שוין סיר זעט- שלאף
א צו סאך קע - צינ- שוואר די לעך - גע- איי
סוז לעך - ציינד לע - א שוין האט וואס לע - גע - יינ
א ליו ליו איי גטן - זינ סע - מא די נשך
סוז לעך - ציינד לע - א שוין האט וואס לע - גע - יינ
ליו ליו איי גטן- זינ סע - מא די נשך

עליזה גרינבלאַט

29

דו, דו

כ׳גיי אַרוםביים ברעג פון ים
און זוך דיך אַלץ אַרום.
אַ שטילע כוואַליע מורמלט קוים
דעם צויבער פון דיין שטים.

דו, דו, פון אַלע צאַרטע בלומען,
דו, דו, פון אַלע מיינע טרוימען, דו.

שפּרייטן זיך די וואָלקנס אויס
העט ווייט-ווייט אַוועק.
פליט אַ ווינטעלע אָן שטיל
און קלאַפּט אָן ביים ברעג.

דו, דו, אַאַז״וו.

סודעט זיך דאָס ווינטעלע
מיט הימלישן געזאַנג.
אין מיין האַרצן טיף ביי מיר
וואַכט אויף אַ פאַרלאַנג.

דו, דו, אַאַז״וו.

שיפן גייען אויפן ים,
ברויזן אויף אַ שוים,
דו האָסט מיין רו פון מיר גערויבט,
געלאָזן נאָר אַ טרוים.

דו, דו, אאַז״וו.



פּרץ הירשביין

30

אַ מלאך וויינט

אַ מלאך וויינט, אַ מלאך וויינט
און באַדעקט די גראָז מיט טוי.
ליבסטער מיינער, ליבסטער מיינער,
איך בענק נאָך דיר אַזוי...

עס איז מיין בעט מיט פוך געבעט
און איך וואַלגער זיך אויף שטרוי.
ליבסטער מיינער, ליבסטער מיינער,
איך בענק נאָך דיר אַזוי...


Andante
די דעקט - בא און וויינט אך - סל א וויינט שך - סל א
איך נער - סיי מער - ליבס נער - סיי מער - ליבס מוי סיס גראז
נער - סיי מער - ליבס זוי - א דיר נאך בענק
סס זוי - א דיר נאך בענק איך נער - סיי מער-ליבס
גער - וואל איך און בעס - גע פוך סיס בעס סיין איז
איך נער - סיי מער - ליבס נער - סיי מער-ליבס סערוי אויף זיך
נער - סיי מער - ליבס זוי - א דיר נאך בענק
זוי - א דיר נאך בענק איך נער - סיי מער - ליבס

31

די פראָש

געוועזן איז אַ פראָש אין אַ גרין־סאַמעט קלייד,
קוואַ־קוואַ. קוואַ־קוואַ.
געוועזן איז אַ פראָש אין אַ גרין־סאַמעט קלייד,
אַ פאַרטעך אַ ווייסער פון פאָרנט פאַרשפּרייט,
קוואַ־קוואַ. קוואַ־קוואַ.

איר שטוב איז געוועזן פון לויטער אַאיר, —
קוואַ־קוואַ. קוואַ־קוואַ.
איר שטוב איז געוועזן פון לויטער אַאיר, —
פון שטראַלן די פענצטער, פון וואַסער די טיר, —
קוואַ־קוואַ. קוואַ־קוואַ.

איז געקומען אַ בושל אַ הויכער צו גיין, —
קוואַ־קוואַ. קוואַ־קוואַ.
איז געקומען אַ בושל אַ הויכער צו גיין, —
די פיס ווי די שפּענער דער שנאָבל פון ביין, —
קוואַ־קוואַ. קוואַ־קוואַ.

ר'האָט גענומען די פראָש אינעם גרין־סאַמעט קלייד.
קוואַ־קוואַ. קוואַ־קוואַ.
גענומען די פראָש אינעם גרין־סאַמעט קלייד,
פאַר די קינדערלעך זיינע אַ סעודה געגרייט, —
קוואַ־קוואַ. קוואַ־קוואַ.


moderato
גע - ווען איז א פרעש אין א גרין סא - סעס
קלייד קווא קווא קווא קווא
גע - ווען איז א פרעש אין א
גרין סא - סעס קלייד א פאר - סעך א
קווא
קווא קווא קווא

י. פּאַפּיערניקאָוו

32

זאָל זיין

זאָל זיין, אַז איך בוי אין דער לופט מיינע שלעסער,
זאָל זיין, אַז מיין גאָט איז אין גאַנצן נישטאָ.
אין טרוים איז מיר העלער אין טרוים איז מיר בעסער,
אין חלום דער הימל — נאָך בלויער פון בלאָ.

זאָל זיין, אַז כ׳וועל קיין מאָל צום ציל ניט דערלאַנגען,
זאָל זיין, אַז מיין שיף וועט ניט קומען צום ברעג.
מיר גייט ניט אין דעם איך זאָל האָבן דערגאַנגען,
מיר גייט נאָר דער גאַנג — אויף אַ זוניקן וועג.


נט - סיי דער לופּס אין בוי איך אז זיין זאָל
אין איז גאָט סיין אז זיין זאָל סער - שלט
אין לער - חט סיר איז טרוים אין טאָ - ניש צן - גאנ
נאָך סל - הי דער לום - ח אין סער - בע סיר איז טרוים
אין לער - חט סיר איז טרוים אין בלאָ פון ער - בלוי
נאָך סל - חי דער לום - ח אין סער - בע סיר איז טרוים
בלאָ פון טר - בלוי

מ. מ. וואַרשאַווסקי

33

די מוזינקע

אייזיק, מזיק!
די באָבע גייט אַ קאָזיק.
קיין עין־הרע, זעט נאָר זעט,
ווי זי טופּעט, ווי זי טרעט.

אוי, אַ שמחה, אוי, אַ פרייד —
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2

מאָטל שמעון,
אָרעמע לייט זיינען געקומען,
גרייט פאַר זיי דעם שענסטן טיש,
טייערע וויינען, טייערע פיש,

אוי, מיין טאָכטער, גיב מיר אַ קיי
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2

דער טייערער פעטער יאָסע,
די גוטע מומע סאָסע.
האָבן מיר צום חתן מאָל,
טייערע וויינען אָן אַ צאָל,

מיר געשיקט פון ארץ ישראל —
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2


Con brio
א גייס נע - בעכ די זיק - ס זיק - איי
ועס נשר ועס רע - ח עין קיין זיק - קע
חח - שם א אוי סרעס זי ווי פעס - - טו זי ווי
- גע - אויס קע - זינ - גו די פרייד א אוי
גו - גע - גע - אויס קע - וינ - גו די גו - גע

מ. מ. וואַרשאַווסקי

34

טייערע מלכה

טייערע מלכה,
געזונט זאָלסטו זיין.
גיס אָן דעם בעכער,
דעם בעכער מיט וויין.

בים־באָם. . .

דער דאָזיקער בעכער
ער גלאַנצט אַזוי שיין.
האָט געטרונקען מיין זיידע,

מיין זיידע אַליין.
בים־באָם. . .

געווען שלעכטע צייטן,
ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל,
דעם בעכער האָב איך געהאַלטן
אייזן און שטאָל.

בים־באָם. . .

טייערע מלכה,
געזונט זאָלסטו זיין.
פאַר וועמען זאָל איך טרינקען
דעם דאָזיקן וויין.

בים־באָם. . .

כ׳טרינק פֿאַר מײַנע שונאים,
נאָר זאָגט זיי ניט אויס,
קוקט טרערן זיי שפּריצן
פֿון בעכער אַרויס.

בים-באָם. . .



מ. מ. וואַרשאַווסקי

35

מחותנים גייען

די מחותנים גייען, קינדער,
לאָמיר זיך פרייען — שאַט נאָר שאַט!
דער חתן איז גאָר אַ וואונדער,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.

איי-איי-איי!...

אָט גייט דער פעטער קאָנע
מיט דער מומע חנה — שאַט נאָר שאַט!
דאָס איז די בעסטע מתנה,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.

איי-איי-איי!...

דעם חתנס שוועסטער פריידל,
זי דרייט זיך ווי אַ דריידל — שאַט נאָר שאַט!
נעמט זי אַריין אין רעדל,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.

איי-איי-איי!...

רב עליע דעם חתנם פעטער,
דאָס בייכל גלעט ער, — שאַט נאָר שאַט!
ער איז פעטער פון אַלע פעטער,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנם צד.

איי־איי־איי! ...



מ. מ. וואַרשאַווסקי

36

80 ער און 70 זי

ס׳איז היינט אַקוראַט געוואָרן פופציק יאָר,
ווי זיי לעבן זיך אין איינעם דאָס אַלטע פּאָר.
זיי האָבן זיך געעלטערט קוקט אייך צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

גאָט האָט זיי מיט עושר און כבוד באַגליקט,
אין לעבן האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט געקריגט.
נאָר נאָטעלע, נאָר באָבעלע רופן זיי זיך צו, —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

דער עולם האָט גענומען צו ביסלעך ווײַן.
דעם זיידן מיט דער באָבען אין ראָד אַריין.
די מומע איז געגאַנגען אַנטקעגן אויף אַ קני, —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

אַזוי האָט מען געהוליעט אַ האַלבע נאַכט,
— „באָבעלע״, זאָגט דער זיידע, אַ גוטע נאַכט.
„שלאָף מיר געזונט און דעק זיך צו, —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

די באָבע ט׳אָנגעהויבן דרעמלען מיט אַ מאָל,
איך חלום וועל איך אייך דערציילן אַן אַנדערש מאָל,
לאָמיר זיי ביידן לאָזן צו רו, —
אַכציק ער און זיבעציק זי.


Con Moto
ציק - פוס רן - ווש גע ראט - קו א היינט ס'איז
נעם - איי אין זיך בן - לע זיי ווי ישר
מטרם - על - גט זיך בן - הט זיי פער מע - אל רעס
און ער ציק - אכ צי אייך קוקט
זי ציק - בע - זי און ער ציק - אכ זי ציק - בע - זי

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי מיכל געלבאַרט

37

אַ ניגון ווי דו

ווען איך זאָל נאָר שטיל פאַרוויגן
כאָטש אַ ווײַלע זיך אין רו,
וואָלט איך אויסגעשפּינט אַ ניגון
שטיל און צאַרט, אַזוי ווי דו.

כ׳וואָלט פון שאָטנס אַ וויג געשפּונען
און פאַרדעקט מיט הימל בלאָ;
און אין טראָפּנס טוי געפונען
ליכט פון אויסגעטרוימטער שעה.

נאָר מײַן האַרץ, ווי ברי פון וואונדן,
וואַרפט זיך תמיד הין און הער.
ברענט מײַן ניגון אָנגעצונדן
און דו לעשסט עס מיט דײַן טרער . .

טוט דײַן ליבשאַפט מיך פאַרוויגן,
קומט אַ שעה פון שטילער רו —
כ׳וועל נאָך אויסטראַכטן אַ ניגון,
דין און צאַרט אַזוי ווי דו.

Tzart


גן - ווי - פאר שטיל נאר זאל איך ווײן
רו אין זיך לע - ווי א כאטש
און שטיל גוון - ני א שפינס - גע - אוים איך וואלט
פון כ'וואלט דו ווי זוי דו ווי זוי - א צארט
- פאר און נען - שפו - גע וויג א טנס - טאַ
-גע טוי פנס - טרא אין און בלאָ טל - - הי סיט דײקט
שעה מער- טרוים שעה מער- טרוים- נײ - אויס פון ליכט נײן - פו

אברהם רייזען מיכל געלבאַרט

38

אַהיים צו מיר

אַהיים צו מיר וואָלטסטו געגאַנגען,
מיין ליבסטע, מיין אויג אין מיין קאָפּ.
דיין מאַמע, זי האַלט דיך געפאַנגען,
זי היט דיך, זי לאָזט דיך ניט אָפּ.

ווער האָט איר דערצו רעכט געגעבן ?
איך בין דאָס פאַרשטיין ניט אין שטאַנד.
איך ליב דיך פיל מערער מיין לעבן,
ווי טויזנטער מאַמעס באַנאַנד.

אַהיים צו מיר אאַז״וו.


Moderato
סיין גען- גאנ - גע טו - וועלס סיר צו היים - א
זי סע - סא דיין קשט סיין אין אויג סיין טע - ליבס
נים דיך לשוס זי דיך חים זי גען- פאנ - גע דין חאלם
איך בן - גע - גע רעכט צו- דער איר השם וועקר Fine טע
סיין רער- סע פיל דיך ליב איך שטאנד- אים נים שטיינפאר דאס בין
נאנד - צא סעס - סא סער - זנ- טוי ווי בן- לע

39

לכבוד שבת

לכבוד שבת, לכבוד שבת,
פרייטיק, פרייטיק צו נאַכט (2
עסן מיר אַלע פיש
און אַ צימעסל פון מערעלעך, (2
נו, און אַ קישקעלע? — אַ קישקעלע אויכעט.
קישקעלע הייסטו,
אין אויוון שטייסטו,
אין מויל צעגייסטו — לכבוד שבת.

לכבוד שבת, לכבוד שבת,
שבת, שבת בייטאָג (2
עסן מיר אַלע פּעטשאַ
און אַ קוגעלע פון לאָקשעלעך. (2
נו, און אַ קאַשקעלע? — אַ קאַשקעלע אויכעט.
קאַשקעלע הייסטו,
אין אויוון שטייסטו,
אין מויל צעגייסטו — לכבוד שבת.

לכבוד שבת, לכבוד שבת,
שבת, שבת פאַרנאַכט (2
עסן מיר קאַלטע פיש
און אַ טייגעכצל פון פאַרפעלעך. (2

נו, און אַ שטרודעלע? — אַ שטרודעלע אויבעט.
שטרודעלע הייסטו,
אין אויוון שטייסטו
אין מויל צעגייסטו — לכבוד שבת.



פאָלקס־ליד

40

שוואַרצע קאַרשעלעך

שוואַרצע קאַרשעלעך רייסט מען
און גרינע לאָזט מען שטיין.
שיינע מיידעלעך נעמט מען
און מיאוסע לאָזט מען גיין.

אוי ווייי איז צו מיר און צו מיינע יאָר,
אַ ליבע האָב איך געפירט פעליקע דריי פערטל יאָר.

וואָס טויג מיר די פּאָלקע, מאַזורקע?
אַז טאַנצן קען איך זי ניט.
וואָס טויג מיר דאָס מיידעלע פון ווילקע,
אַז נעמען קען איך זי ניט.

אוי ווייי איז צו מיר און צו מיינע יאָר,
אַ ליבע האָב איך געפירט פעליקע דריי פערטל יאָר.



41

אַ ליבע שפּילן

לאָמיר ביידע אַ ליבע שפּילן,
לאָמיר זיין פון גאָט אַ פּאָר.
שווערן שווער איך דיר בײַ שער און אייזן,
אַז וואַרטן וועל איך אויף דיר צוויי־דריי יאָר.

צוויי־דריי יאָר וועל איך אויף דיר וואַרטן,
אַפילו פיר איז אויך כדאַי.
געלט אין פאָלק אַריין וועל איך דיר שיקן
און אַליין זיך מוטשען דאָ ביי שניידעריי.

ביי שניידעריי וועל איך זיך מוטשען
און דאָ לעבן אין גרויס נויט.
און אַז דו וועסט אַמאָל פון סלוזשבע קומען,
זאָלסטו ניט זאָגן, כ׳בין אַן אַלטע מויד.



42

אונטער אַ גרי̇ן ביימעלע

אונטער אַ גרין ביימעלע
זיצן יינגלעך צוויי;
זיי רעדן פֿון אַ מיידעלע,
קיין זאַך קימערט זיי.

איך פֿלעג, זאָגט ער גאַנצע נעכט
אַרומגיין ניט געגעסן;
דאָרטן וואו זי האָט געוואוינט
שטונדן אָפּגעזעסן.

אונטער אַ גרין ביימעלע אאַז״וו.

שניי און רעגן, שטורעם ווינט,
פֿאַר קיין זאַך ניט געשראָקן;
און די מאַמע אין דער היים
געקלאַפּט האָט מיט אַ פּלאָקן.

אונטער אַ גרין ביימעלע אאַז״וו.

און דער טאַטע אַלס צוגאָב
מיט דעם פּאַס דעם גרויסן;
גוט די ביינער אָנגעקלאַפּט
און פֿאַריאָגט אין דרויסן.

אונטער אַ גרין ביימעלע אאַז״וו.


Con moto
לסך - יינג צן - זי לע - סע - ציי גרין א מער - אונ
לע - דע - סיי א פון דן - רע זיי צוויי
סר זעגם פלעג איך Fine זיי מערם - קי זאך קיין
סן - גע - גע נים גיין- אום נעכט צע - גאן
סן - זע - גע - פ דן - שטונ וואוינס-גע חאט זי וואו סן - דער

43

שפּאַצירן

גיי איך מיר שפּאַצירן, טראַ־לאַ־לאַ־לאַ . . .
גיי איך מיר שפּאַצירן, טראַ־לאַ־לאַ־לאַ . . .
באַגעגן איך אַ בחור, אַהאַ! אַהאַ!
באַגעגן איך אַ בחור, אַהאַ! אַהאַ!

ער זאָגט ער וועט מיך נעמען, טראַ־לאַ־לאַ . . .
ער זאָגט ער וועט מיך נעמען, טראַ־לאַ־לאַ . . .
ער לייגט עם אַפּ אויף זומער, אַהאַ! אַהאַ!
ער לייגט עם אַפּ אויף זומער, אַהאַ! אַהאַ!

דער זומער איז געקומען, טראַ־לאַ־לאַ . . .
דער זומער איז געקומען, טראַ־לאַ־לאַ . . .
ער האָט מיך ניט גענומען, אַהאַ! אַהאַ!
ער האָט מיך ניט גענומען, אַהאַ! אַהאַ!

איצט וויל ער מיך שוין נעמען, טראַ־לאַ־לאַ . . .
איצט וויל ער מיך שוין נעמען, טראַ־לאַ־לאַ . . .
איצט וויל איך אים ניט קענען, אַהאַ! אַהאַ!
איצט וויל איך אים ניט קענען, אַהאַ! אַהאַ!


con moto
לא - לא - לא - לא לא - לא - פרא רן - צי - שפא סיר איך גיי
- בא לא - לא - לא - לא - לא - לא - פרא רן - צי - שפא סיר איך גיי
- בא חא - א חא - א חור - ב א איך גן - גע
חא - א חא - א אור - ב א איך גן - גע

44

איבערבעטן

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
האָב אויף מיר רחמנות
לאָמיר זיך איבערבעטן,
כ׳האָב דיך ליב סכנות.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
וואָס שטייסטו פֿאַר דער טיר?
לאָמיר זיך איבערבעטן,
קום אַריין צו מיר.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
דו וועסט זיין מיין כלה.
לאָמיר זיך איבערבעטן,
זאָלן וויסן אַלע.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
איך וועל זיין דיין חתן.
לאָמיר זיך איבערבעטן,
וועט זיין שמחה וששון.


טן - בע - בער- אי טן - בע בער- אי זיך סיר - לט
- רח סיר אויף האב נות - ס - רח סיר אויף האב
טן - בע בער - אי זיך סיר - לא נות - ס
זיך סיר - לא נות - כ - ס ליב דיך כ'האב
נות - כ - ס ליב דיך כ'האב טן - בע- בער- אי

45

אַלע ברידער

און מיר זיינען אַלע ברידער,
אוי, אוי, אַלע ברידער!
און מיר זינגען פריילעכע לידער,
אוי, אוי, אוי!

און מיר האַלטן זיך אין איינעם,
אוי, אוי, זיך אין איינעם!
אַזעלכעס איז נישטאָ ביי קיינעם,
אוי, אוי, אוי!

און מיר ליבן זיך דאָך אַלע,
אוי, אוי, זיך דאָך אַלע!
ווי אַ חתן מיט אַ כלה,
אוי, אוי, אוי!

און מיר זיינען אַלע איינִיק,
אוי, אוי, אַלע איינִיק!
צי מיר זיינען פיל צי ווייניק,
אוי, אוי, אוי!

און מיר זיינען פריילעך, מונטער,
אוי, אוי, פריילעך, מונטער!
זינגען לידער, טאַנצן אונטער,
אוי, אוי, אוי!


Con brio
אוי אוי דער - ברי לע - א נען- זיי סיר און
דער - לי כע - לע - פריי גטן- זינ סיר און דער - ברי לע - א
סן - האל סיר און . אוי אוי אוי
נעס - איי אין זיך אוי אוי נעס - איי אין זיך
אוי אוי אוי נעס -קיי ביי טע - ניש איז כטס- אזעל

46

אַ ניגונדל

האָבן מיר אַ ניגונדל
אין נחת און אין פריידן, (2
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין.
דאָס האָט דאָך געזונגען די באָבע מיטן זיידן
ווען זיי זיינען קינדער נאָך געווען.

אוי־אוי־אוי, אָט אַזוי זשע
ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער,
אַזאַ פֿריילעכס (2) זינגט זשע קינדער.
אָט אַזוי זשע ווי דער ניגון קלינגט אַצינד
אַזאַ פריילעכס לאָמיר אַלע גיין.

האָבן מיר אַ ניגונדל,
זינגען מיר צוזאַמען, (2
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין.
דאָס האָט דאָך געזונגען
דער טאַטע מיט דער מאַמען,
ווען זיי זיינען קינדער נאָך געווע
אוי־אוי־אוי, אָט אַזוי אאַז"וו.

האָבן מיר אַ ניגונדל
אין מזל און אין ברכה (2
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס
קלינגט עס אַזוי שיין.
דאָס האָט דאָך געזונגען די גאַנצע משפּחה,
ווען זיי זיינען קינדער נאָך געווען.

אוי־אוי־אוי, אַט אַזוי אַז"וו.



47

לייג איך מיר מיין קעפּעלע

לייג איך מיר מיין קעפּעלע,
אויף מיין מאַמעס בעטעלע,
גייט מיין מאַמע פֿאַרביי
נאָך אַנאַנד זי טוט און קוועלט.

שלאָף מיין טעכטערל שיינינקע,
ביסט דאָך גאָר אַ ריינינקע,
שלאָף געזונטערהייט. (2

לייג איך מיר מיין קעפּעלע,
אויף מיין שוויגערס בעטעלע,
גייט מיין שוויגער פֿאַרביי —
נאָך אַנאַנד זי טוט און שעלט.

מיין שנור איז קיין בריה ניט,
קיין מלאכה קען זי ניט,
נאָך אַנאַנד זי טוט און פּאָפּט. (2

לייג איך מיר מיין קעפּעלע,
אויף מיין מאַנס בעטעלע,
גייט מיין מאַן פֿאַרביי —
נאָך אַנאַנד ער טוט און קוועלט.

שלאָף מיין ווייבעלע זיסינקע,
ביסט דאָך גאָר אַ ליבינקע,
שלאָף געזונטערהייט. (2



48

אַנטוישטע ליבע

ר׳האָט מיר געשיקט אַ רינגעלע
איך זאָל עס טראָגן אויף מיינע פינגער.
ווער עס האָט נאָר שולד אין אונדזער ליבע
דער זאָל שטאַרבן פון הונגער.

ר׳האָט מיר געשיקט אַ זייגערל
מיט אַ גאָלדענעם ווייזער.
ווער עס האָט נאָר שולד אין אונדזער ליבע
דער זאָל גיין אין די הייזער.

מאַמעשי, אוי מאַמע לעב,
לאָמיר פאָרן קיין ירושלים,
דאָרטן וועלן מיר אַ חופּה שטעלן,
טרינקען וועלן מיר לחיים.


Andante
איך לע - גע - רינ א טיקס - גע סיר ר'הטם
איך גייר - פינ נע - סיי אויף גן- טרט עס זאל
גער - פינ נע - סיי אויף גן-טרט עס זאל
בט - לי דזמר - אונ אין סולד נאר האם מס ווער
גיר - הונ פון בן - שמאר זאל דער
בט - לי דזמר- אונ אין שולד נער השם עס ווער
גער - הונ פון בן - שמאר זאל דער

פֿאָלקסליד

49

דער רבי מיט די חסידים

דער רבי מיט די חסידים זײַנען אויפֿן ים געפֿאָרן,
האָט דער רבי באַוויזן אַ גרויסן נס.
אַ רײַזע פֿון כמה וכמה יאָרן
האָט ער געמאַכט אין איין מעת-לעת.

אַז דער רבי פֿאָרט אויפֿן ים,
פֿאָרן דאָך די חסידים מיט אים מיט.
האָט ער געזען מין הסתם,
דאָס וואָס קיינער זעט עס ניט.

אַז די שיף איז געווען אין גרויס סכנה,
נ׳דער רבי האָט זי געראַטעוועט קוים...
נ׳די אַפּיקורסים, די הולטאַיעס,
גלייבן דאָך אין אים ניט, ימח שמם...

דער רבי מיט די חסידים זײַנען אויפֿן ים געפֿאָרן,
האָבן זיי געליטן גרויס נויט.
האָט דער רבי דערלאַנגט אַ שאָקל מיטן ספּאָדיק,
איז אַרײַן אין די שיף צוויי טויזנט ברויט.

אַז דער רבי פֿאָרט אאַז״וו.


Andante

50

מאירקע מיין זון

מאירקע מיין זון.
מאירקע מיין זון.
מאירקע מיין זון.
איך וויל דיך עפּעס פרעגן, זונעניו.
איך וויל דיך עפּעס פרעגן, זונעניו.
— וואָס ווילסטו ביי מיר פרעגן, טאַטעניו
— וואָס ווילסטו ביי מיר פרעגן, טאַטעניו

מאירקע מיין זון.
מאירקע מיין זון.
מאירקע מיין זון.
וועמען האָסטו ליב, זונעניו?
וועמען האָסטו ליב, זונעניו?
— איך ליב דעם מילנערס טאָכטער, טאַטעניו
— איך ליב דעם מילנערס טאָכטער, טאַטעניו

מאירקע מיין זון.
מאירקע מיין זון.
מאירקע מיין זון.
האָט זי עפּעס נדן, זונעניו?
האָט זי עפּעס נדן, זונעניו?
— זי האָט ניט קיין נדן, טאַטעניו
— זי האָט ניט קיין נדן, טאַטעניו

מאירקע מיין זון.
מאירקע מיין זון.
מאירקע מיין זון.
איך היים דיר זי ניט נעמען, זונעניו
איך היים דיר זי ניט נעמען, זונעניו
— מען פרעגט ביי דיר קיין דעות, טאַטעניו.
— מען פרעגט ביי דיר קיין דעות, טאַטעניו.



51

הערש דוד

אַ גוט מאָרגן דיר הערש דוד,
אַ גוט מאָרגן ברוך.
כ׳האָב געהערט דו האָסט מיט מזל
אויספאַרקויפט דעם צוואָרעך.

— ניט דעם צוואָרעך נאָר דאָס מילכיקס
אויספאַרקויפט אין גאַנצן.
אַבי דאָס געלט איז דאָ אין בייטל,
ווילט זיך טאַקע טאַנצן.

איידי דידל־די, די־די־די . . .

כ׳האָב אַ מויד, אַ מויד אַ שיינע,
דו — אַ זון אפרים.
לאָמיר ביידע שרייבן תנאים,
טרינקען אַ לחיים.

— כאַ־כאַ־כאַ, צוויי מאות זילבער
גיב איך זיי אין גאַנצן.
איבער פעלדער, איבער וועלדער
זאָלן יידן טאַנצן.

איידי דידל־די, די־די־די . . .


Con brio

52

מחותנתטע מײַנע

מחותנתטע מײַנע, מחותנתטע געטרײַע,
לאָמיר זײַן אויף אײביק מחותנים. (2
איך גיב אײַך אַוועק מײַן טאָכטער פֿאַר אַ שנור,
זי זאָל בײַ אײַך ניט אָנווערן דאָס פּנים.

מחותנתטע מײַנע, מחותנתטע געטרײַע,
מײַן קינד זאָלט איר פֿרי ניט וועקן. (2
טאָמער וועט איר זען אַן עוולה אויף מײַן קינד,
ווי אַן אײגענע מאַמע זאָלט איר דאָס פֿאַרדעקן.

מחותנתטע מײַנע, מחותנתטע געטרײַע,
אויף קינדער האָבן טוט מען בלוט פֿאַרגיסן. (2
טאָמער וועט איר זען דער זון האָט ליב די שנור,
זאָל עס אײַך נאָר ניט פֿאַרדריסן.

מחותנתטע מײַנע, מחותנתטע געטרײַע,
איך פֿאָר צו אײַך מיט אַ פֿאַריקל. (2
טאָמער וועט איר זײַן אַ שלאַק, אַ בײזע שוויגער,
אוי, איז מײַן טאָכטער אויכעט אַן אַנטיקל.


Moderato

53

מאַריאַשע

דאָרט אין בוקאָווינע ניט ווייט פונעם וועלדל,
פּאַשעט מאַריאַשע אַ סטאַדע אין פעלדל,
און זי וויינט און זי זינגט:
— וואו זיינען מיינע גרויע אָקסן? זאָגט עס מיר.

יאַש איז דורכן פעלד אַדורכגעגאַנגען,
האָט ער געהערט מאַריאַשעס געזאַנגען.
— מיידעלע, וואָס איז דיר?
צי פעלן דיר דיינע גרויע אָקסן? זאָג עס מיר.

— ווען דו וועסט מיינע אָקסן געפינען,
וועסטו פון מיר אַ קוש באַקומען.
ניט נאָר איינס, ניט נאָר צוויי,
נאָר 99 קושן כסדר, איינס נאָך איינס.

יאַש האָט געוואָלט זיין לוין פאַרדינען,
איז ער געאַנגנגען די אָקסן געפינען.
מיידעלע, פאַרדינט מיין לוין,
האָסט צוגעזאָגט אַ קוש צו געבן, גיב אים שוין.

— וואָלט מיין מאַמע אויפן שוועל ניט געשטאַנען.
איז ביי מיר קיין ליגן פאַראַנען.
— מיידעלע, שאַקרענטע!
האָסט צוגעזאָגט אַ קוש צו געבן, ציגאַנקע!!


Con brio
נם - פו ווייס נים נע - ווי - קא - בו אין דארם
אין דע - ססא א שע - יא - סאר שטט - פא דל- וועל
וואו זינגט זי און ווייגט זי און דל - פעל
סיר עס זאגט סן - אק ע - גרוי נע- סיי נטן - זיי
נטן - זיי וואו זינגט זי און ווייגט זי און
סיר עס זאגט סן - אק ע - גרוי נע - סיי

54

ס׳פּאַלט אַ שניי

ס׳פּאַלט אַ שניי, ס׳פּאַלט אַ שניי,
טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט
נאָר איך ניי, נאָר איך ניי
און איך טראַכט און איך טראַכט.

אין דרויסן גייט אַ רעגן,
אין דרויסן גייט אַ רעגן,
און עס פּאַלט אַ שניי, אַ שניי,
און עס פּאַלט אַ שניי, אַ שניי,

מיינע יונגע יאָרן
מיינע יונגע יאָרן
האָב איך אָנגעוואָרן,
האָב איך אָנגעוואָרן,
זיצנדיק שטענדיק ביים געניי.
זיצנדיק שטענדיק ביים געניי.

ס׳פּאַלט אַ שניי, ס׳פּאַלט אַ שניי,
טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט
נאָר איך ניי, נאָר איך ניי
און איך טראַכט און איך טראַכט.


Andante
נאכט און טאָג שניי א ס'פאלט שניי א ס'פאלט
ניי איך נאָר ניי איך נאָר ניי איך נאָר נאכט און טאָג
אין גן - רע א גיים סן -דרוי אין פראכט איך און
Fine
א שניי א פאלט עס און גן - רע א גיים סן- דרוי
- גע - אנ איך האָב רן יאָ גע- יונ נע- סיי שניי
ניי - גע ביים דיק - שטענ דיק - צנ- זי רן- וואָ

ש. אַנסקי   מיכל געלבאַרט

55

מיר וואַנדערן

מיר וואַנדערן, מיר וואַנדערן,
פון איין לאַנד אין דעם אַנדערן,
דורך הונגער און דורך קעלט;
פאַרוואָגלטע, פאַרביטערטע,
פאַרפאָלגטע און פאַרציטערטע,
מיר, פרעמדע פון דער וועלט.
פון גלות טויזנטיאָריקן,
פון היינט און פון אַמאָליקן
האָט אונדז זיך אָפּגעשטעלט:
אַ רייכטום גאָר אַן אַנדערער,
אַ כוח פון אַ וואַנדערער
וואָס גייט אום אויף דער וועלט.

מיר טראָגן זוימען אייביקע,
פון גלייביקע, פון הייליקע,
אַ רויטע זון אונדז העלט;
מיר טראָגן אין דער אַרבעטסגאַס,
דורך פייער, בלוט און מענטשן־האַס
אַ קומעדיקע וועלט.
אַ נייע וועלט, אַ גרעסערע,
אַ שענערע, אַ בעסערע,
וועט ווערן אויפגעשטעלט;

מיר בויען זי מיט אונדזער בלוט,
מיט אונדזער גייסט מיט אונדזער מוט, —
מיר בירגער פון דער וועלט.

מיר וואַנדערן, אאַז״וו.



י. אַדלער יואל ענגעל

56

שבת בין השמשות

עס גייט שוין אַוועק זיך
דער הייליקער שבת,
אין שטיבל ווערט פינצטער,
אין שטיבל איז שטיל.
עס שעפּטשעט די מאַמע:
— „אָך, גאָט פון אברהם" —
זי שעפּטשעט די תפילה
מיט האַרץ און געפיל.

אָך, גאָט פון אברהם,
פון יצחק און יעקב,
פאַרנעם דאָך מיין תפילה
אין הימלם געצעלט.
און שיק מיר פרנסה
און ריכט אויף מיין מזל,
אַז ליכטיק זאָל ווערן
מיין פינצטערע וועלט.


Andante
דער זיך וועק - א שוין נ׳יים טס
ווערם בל - שפי אין פת - ש קעד לי - היי
עס שטיל איז בל - שפי אין טער - פינצ
- אב פון גאס אך סע - סא די משעס - שעפ
סים לה - תפי די משעס - שעפ זי חם - ר
פיל - - - גע און הארץ

ש. צעסלער　　　　　　מיכל געלבאַרט

57

אַ חלוצל

עפנט אויף, עפנט אויף!
עפנט אויף דעם טויער!
ס׳פאָרט אַרויס אַ חלוצל,
ס׳פאָרט אַרויס אַ בויער.
וואָס-זשע איילסטו חלוצל,
ווי די פערדלעך פליען?
— קיין ישראל אין מיין לאַנד,
צו דער מוטער ציון. א...

וואָס זשע ווערסטו חלוצל
טאָן אין לאַנד אין וויטן?
— איך וועל פעלדער אַקערן,
זייען דאָרט און שניידן.
— און וואָס וועסטו מאַכן נאָך,
אויסער שניידן, זייען?
— איך וועל העלפן בויען שטעט,
לייגן אויך שאָסייען. א...

עפנט אויף, עפנט אויף!
עפנט אויף דעם טויער!
ס׳פאָרט אַרויס אַ חלוצל,
ס׳פאָרט אַרויס אַ בויער.

פֿאַר געזונט, דו, חלוצל,
גרים דאָרט אַלע ברידער.
ביסט אַ גוטער זון פֿון פֿאָלק,
בוי מיט פֿרייד און לידער. א . . .



58

ים־לידער

כ'האָב פֿאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ'האָב פֿאַרלאָזט מיין אייגן הויז ;
כ'האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן,
טראָג מיך, ים, צום מוטערס שויס.

און דו, מערב־ווינט, געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג.
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער־פֿליגל,
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין בשלום,
נאָך דעם פֿלי זיך דיר צוריק.
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע,
און דערצייל זיי פֿון מיין גליק.

און דו, מערב־ווינט, געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג.
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער־פֿליגל,
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.


Andante
מיין לאָזט-פאר כ'האָב מע - ליבס לע - א סן - גע - פאר כ'האָב
בן - גע - גע- אָפּ זיך ים דעם כ האָב הויז גן- איי
ריב - מע דו און שוים מערס - סו צום ים סיך מראָג
ברעג נעם- יע צו שוּפּ סיך טרייב ער - טריי- גע ווינט
שוין זוכט גל - פלי לער - אָד סים הארץ מיין וואָס
וועג א אים צו לאנג

ה. רויזענבלאַט　　　　מיכל געלבאַרט

59

דן און דאָניע

דן האָסט צוויי פּאַהלעך שוואַרצע
און דאָניע צוויי גאָלדענע צעפּ.
דן איז דער עלוי פון שטעטל
און דאָניע די מלכה פון סטעפּ.

דן גייט באַגינען אין קלייזל,
זיין אויג האַלב פאַרכמאַרעט פון שלאָף.
דאָניע מיט זון אויף די ברעמען
צום סטעפּ טרייבט אַרויס אירע שאָף.

דן געגנט אָן די פּאַסטושקע
און לאָזט שטום די אויגן אַראָפּ.
דאָניע פאַרשעמט טוט אַ שמייכל
און לאָזט שטיל אַרונטער דעם קאָפּ.

דאָניע, זי היט זיך איר סטאַדע
געקרייזלטע לעמער און טראַכט
עפּעס פון פּאַהלעך שיינע,
געקרייזלט און שוואַרץ ווי די נאַכט.

דן זיצט ביים לערנען און ס'ציט זיך
דער טאָג עפּעס לאַנג אָן אַ סוף.
אים דוכט זיך, דאָס בלאַט איז אַ לאָנקע
די אותיות — אַ טשערעדע שאָף.


Moderato
Fine

מאַני לייב ה. וואָלאָוויץ

60

יידיש

די וועלט איז פול מיט יידן,
עס רעדט דאָך יעדע זאַך.
און יעדער אויף זיין שטייגער
און יעדער אויף זיין שפּראַך.

יידן רעדן יידיש
אין אַלע, אַלע עקן וועלט.
אין אַפריקע אין הייסער
און אין סיבירער קעלט.

יידן רעדן יידיש,
ווייל יידיש איז דאָך שיין,
מען קען אַ צווייטן יידן
פאַרשטיין ווי זיך אַליין.

יידן רעדן יידיש
אין אַלע, אַלע עקן וועלט.
אין אַפריקע אין הייסער
און אין סיבירער קעלט.


con moto
דעך רעדם עס דן - - ריי סים פול איז וועלט די
און נער - - שטיי זיין אויף דער - יט און זאגט
שפראך רע - יט
איינדיש-יי דן - רע דן - יי און שפראך זיין אויף דער - יט
אין קע - רי - אפ אין ווטלם קן - ע לט - א לע - א
קעלם רער - בי - סי אין און סטר - היי

ע. גרינבלאַט מיכל געלבאַרט

61

מאַמע לשון

מאַמע-לשון, יידיש לשון,
ביסט מיר אַזוי טייער.
זינגט-זשע קינדער, זינגט מיט חשק
האַרציקער, געטרייער.

נייע צייטן, נייע לידער,
פרעמדע קוואַלן רוישן.
לאָמיר היטן מיט קדושה
אונדזער יידיש לשון.

זינגט זשע אַלע, זינגט זשע העכער!
יידיש אַ מחיה.
זינגט זשע אַלע, זינגט זשע מיט
אַ יידיש ליד, אַ נייע.

יידיש לשון, ליבער לשון,
ביסט מיר אַזוי טייער.
זינגט דאָס לידל, ליבע קינדער,
זינגט מיט ברען, מיט פייער.


Con brio

רבקה נאלין — מיכל געלבאַרט

62

טשינג טשאַנג טשו

טשינג טשאַנג טשו, ווער ווייסט וואו? (2
זיינען די כינעזערלעך,
מיט די קורצע נעזעלעך.
טשינג טשאַנג טשו, ווער ווייסט וואו? (2
יינגלעך טראָגן קליידעלעך,
הויזן טראָגן מיידעלעך.
טשינג טשאַנג טשו, ווער ווייסט וואו? (2
אויף געגאָלטע קעפּעלעך,
באָמבלען לאַנגע צעפּעלעך.
טשינג־טשאַנג טשו, ווער ווייסט וואו? (2
שיינע מאַנדל אייגעלעך,
בוקן זיך ווי פייגעלעך.
טשינג טשאַנג טשו, ווער ווייסט וואו? (2



63

נאָר אַ מאַמע

אײ ליו ליו ליו, אײ ליו ליו,
שלאָף, מײַן טײַערער, אין רו.
װאָרום איז דעם װאָס האָט אַ מאַמע
און אַ װיגעלע דערצו.
אײ־ליו־ליו־ליו.

אַלצדינג קען מען נאָך באַקומען,
אַלצדינג קריגט מען דאָך פֿאַר געלט.
נאָר אַ מאַמע זי איז אײנע,
מערניט אײנע אויף דער װעלט.
אײ ליו ליו ליו, אײ ליו ליו,

שלאָף, מײַן טײַערער, אין רו.
װאָרום איז דעם װאָס האָט אַ מאַמע
און אַ װיגעלע דערצו.
אײ־ליו־ליו־ליו.



ב. י. ביאַלאָסטאָצקי מיכל געלבאַרט

64

אַ מעשהלע

אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו...
יע וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע...
דאָס וואָלקנדל ביסטו.

פון הימל פאַלט אַ רעגנדל,
עס מאַכט דער טאָג זיך צו...
יע רעגנדל, ניט רעגנדל —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע...
דאָס רעגנדל ביסטו.

עס שלאָפט אין פעלד אַ זאַנגעלע,
אַ זאַנגעלע ליו־ליו...
יע זאַנגעלע, ניט זאַנגעלע,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע...
דאָס זאַנגעלע ביסטו.

אַ וואָלקנדל, אַ רעגנדל,
אָ, מאַך די אויגן צו...
ניט וואָלקנדל, ניט רעגנדל,
ניט זאַנגעלע, ניט ציגעלע.
ניט ווייסעלע, ניט מעשהלע —
מיין מיידעלע ביסטו.

ערשטע דריי סטראָפעס, מיט ניגון (1)
פערטע סטראָפע — מיט ניגון (2)



ש. צעסלער   ה. וואָלאָווין

65

מיר קומען אָן

מיר קומען אָן, מיר קומען אָן!
מיר שפּאַנען פֿריילעך און מאַרשירן.
הויך פֿלאַטערט אונדזער העלע פֿאָן,
די פֿאָן פֿון לערנען און שטודירן.
און ריטמיש קלאַפּ־ן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג
מאַרשירט אין ריי, מאַרשירט אין ריי,
די יונגע שול — די שול־אַרמיי.

מיר קומען אָן מיט העלער פֿרייד,
מיר טראָגן גלויבן, מוט און האָפֿן.
עס ציט פֿאָרויס די שילער־קייט,
פֿון מזרח, מערב, דרום, צפֿון.
און ריטמיש קלאַפּ־ן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג
מאַרשירט אין ריי, מאַרשירט אין ריי,
די יונגע שול — די שול־אַרמיי.


Marsh Tempo
נטן-שפא סיר אן סטן - קו סיר אן סיין - קו סיר
מערט - פלא הויך רן - - שי - סאר און לייך - - פריי
נטן - - לטר פון פאן די פאן לט - הע דזטר - אונ
קלאפ קלאפ סיש- רים און רן - די - שמו און
קלינג קלינג כיק- היל און נאנג אין טרים פן - קלא
-סאר ריי אין שירם-ס סאר זאנג - גע דזטר - אונ קלינגט קלינג
סיי - אר שול די שול גע- יונ די ריי אין שירם
גע - יונ די ריי אין שירם - סאר ריי אין שירם-ס סאר
סיי - אר שול די שול

מ. קאָרמאַן מיכל געלבאַרט

66

אין אַן אָרעם שטיבעלע

אין אַן אָרעם שטיבעלע,
אָוונט-צייט ביים קוימען,
שפּינט אַ ליבע מוטער דאָרט,
פאַר דעם קינד אירם טרוימען.

זינגט זי אים אַ לידעלע,
פּאַטשט ער מיט די הענטעלעך.
זינגט דאָס גאַנצע שטיבעלע,
זינגען מיט די ווענטעלעך.

פּאַטשע, פּאַטשע קיכעלעך,
אוצרל, מיין שיינער.
טאַטע ט'קויפן שיכעלעך,
זונעלע, מיין קליינער.

טאַטע ט'קויפן שיכעלעך,
מאַמע ט'שטריקן זעקעלעך.
טאַטע ט'קויפן פערדעלעך,
מאַמע ט'אָנטאָן גלעקלעך.

אָט אַזוי אין שטיבעלע,
הערשט אי גליק, אי פריידן,

זייט ביי זייט מיט אָרעמקייט,
וואוינט דאָרט אַ גן־עדן.

גרעסער איז די ליבע דאָרט,
גרעסער איבער אַלעם.
שטאַרקער איז די ליבע דאָרט,
שטאַרקער ווי דער דלות.



מיכל געלבאַרט

67

אַ גוטע נאַכט

שיינען שטערן אויפן הימל,
די לבנה לייכט אַ פּראַכט.
הימל, שטערן און לבנה
ווינטשן אונדז אַ גוטע נאַכט.
גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.

הימל, שטערן און לבנה,
וואָס האָט איר פאַר אונדז געבראַכט?
— שטילע רו און זיסן חלום
און אַ ליבע, גוטע נאַכט.
גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.


Andante
סל - - הי פן - - אוי רן - טמע נען - - טי
סל - - הי פראכט א לייכט נה - ב - ל די
א אונדז טסן - ווינ נה - ב - ל און רן - טמע
א נאכט מע - גן נאכט מע - גן
נאכט מע - גן א נאכט מע - גן נאכט מע - גן

סאָרע ריזועס — מיכל געלבאַרט

68

ערשטער מאַי

ווּעמעס שטימען הער איך קלינגען?
נייע לידער זאָל מען זינגען!
אַל דאָס בייזע איז פאַרביי.
מיט דעם ווינטער קאַלטן לאַנגען,
רייך אין פאַרבן, רייך אין קלאַנגען, —
קומט צו גיין דער ערשטער מאַי. (2

ווּעמעס שטימען הער איך קלינגען?
פרייע לידער זאָל מען זינגען!
ס'נעמט אַ סוף צו שקלאַפעריי. (2
לויז די קלאַנגען, לויז די קייטן,
העל באַפּוצט מיט פרישע קוויטן, —
קומט צו גיין דער ערשטער מאַי. (2

ווּעמעס שטימען הער איך קלינגען?
הויך און מונטער זאָל מען זינגען!
זאָל זיך טראָגן פראַנק און פריי! (2
אונדזער ליד אין אַלע עקן,
צו אַ נייעם לעבן וועקן —
קומט צו גיין דער ערשטער מאַי, (2


allegretto - marcato
ע - - ניי גען - קלינ איך הער סען - שפי סעס - וזע
אר איז זע - ביי דאס - אל גען - זינ סען זאל דער - לי
ביי - פאר איז זע - ביי דאס - אל ביי
אין רייך גען - לאנ סן - קאל סער- זוינ דעם סיס
זער - ערס דער גיין - צו קוסט ען - קלאנג אין רייך בן - פאר
סאי סער - ערס דער גיין צו קוסט סאי

אבֿרהם רייזען שמואל בוגאטש

69

זאָג מאַראַן

זאָג מאַראַן, דו ברודער מײנער,
װאו איז גרײט דער סדר דײנער?
— אין טיפֿער הײל, אין אַ חדר,
דאָרט האָב איך געגרײט מײן סדר.

זאָג מאַראַן מיר, װאו, בײ װעמען,
װעסטו װײסע מצות נעמען?
— אין דער הײל, אויף גאָטס באַראָטן
האָט מײן װײב דעם טײג געקנאָטן.

זאָג מאַראַן, װי װעסט זיך קליגן,
אַ הגדה װאו צו קריגן?
— אין דער הײל, אין טיפֿע שפּאַלטן
האָב איך זי שוין לאַנג באַהאַלטן.

זאָג מאַראַן, װי װעסט זיך װערן,
װען מען װעט דײן קול דערהערן?
— װען דער שונא װעט מיך פֿאַנגען,
װעל איך שטאַרבן מיט געזאַנגען.


Andante
דער גריים איז וואו נטר - סיי דטר - צרו דו ראן - סא זאג
דר - ח א אין חייל פער - סי אין נער - דיי דר - ס
סיר ראן - סא זאג דר - ס סיין גריים - גע איך האב דארם
סען - נע צח - ס סע - וויי טו - וועס סען - ווע ביי וואו
סיין חשם טו - רא - בא גטסס אויף חייל דער אין
טן - קנא - גע מייג דעם ווייב

70

אויפֿן ניל

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך,
אויפֿן גרויסן ניל.
שווימט דאָס קעסטל רויִק, גלײַך,
שווימט דאָס קעסטל שטיל.

און די כוואַליעס גייען שטיל,
גייען צאַרט און לינד.
ווי זיי וואָלטן היטן זיך,
טאָן אַ לייד דעם קינד.

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך,
אויפֿן גרויסן ניל.
שווימט דאָס קעסטל רויִק, גלײַך,
שווימט דאָס קעסטל שטיל.

אָ, די כוואַליעס זײַנען דאָך
ניט ווי פּרעה שלעכט.
ניט דערטרינקען וועלן זיי
משיחן פֿון קנעכט.

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך,
אויפֿן גרויסן ניל.
שווימט דאָס קעסטל רויִק, גלײַך
שווימט דאָס קעסטל שטיל.


Andantino
פן - אוי סייך פן - אוי טל - - קעס דאס שוויסט
גלייך איך - רו טל - - קעס דאס שוויסט ניל סן - גרוי
יעס- כוואל די און Fine ספיל טל - קעס דאס שוויסט
זיי ווי לינד און צארס ען - ניי ספיל ען - ניי
קינד דעם לייד א מאן זיך מן - הי מן - וואל

י. י. שוואַרץ

71

דיינו

וואָלטן מיר נאָר פון מצרים
גליקלעך אויסגעלייזט געוואָרן,
נאָר דער ים זיך ניט געשפּאָלטן — דיינו.
וואָלטן מיר דעם ים געשפּאָלטן,
נאָר אים דורכגיין אין דער טרוקן
וואָלט אונדז דעמאָלט ניט געגאָלטן, דיינו.
דאַ־דיינו . . .

וואָלטן מיר אים שוין אַריבער,
ניט געקענט נאָר איבערקומען,
פערציק יאָר אין גרויסן מדבר — דיינו.
וואָלטן מיר די פערציק יאָר שוין
אין דער מדבר דורכגעקומען
און קיין מן דאָרט ניט געפונען — דיינו.
דאַ־דיינו . . .

וואָלטן מיר דאָרט מן געפונען,
נאָר דעם שבת ניט באַקומען
און צום סיני ניט געקומען — דיינו.
וואָלטן מיר צום סיני קומען.
נאָר די תורה ניט באַקומען,
ס'פאָלק פון תורה ניט געוואָרן
דאַ־דיינו . . .


ALL=tto
גט- אויס לסך- גליק ים - ר - מצ פון נאך סיר מן- וואל
מן - ספאל - גע ניט זיך ים דער נאר רן - ווא- גע לייזט
מן - ספאל - גע ים דעם סיר מן - וואל נד - יי - ד
סאלט - דא אונדז וואלט קן- פרז דער אין גיין- דורכ אים נאר
נו - יי דא - דא נו - יי - ד מן - גאל גיי נים
- ד נו - יי - ד דא נו - יי - ד דא
נו נו - יי - ד נו - יי - ד נו - יי

י. לוקאָווסקי מיכל געלבאַרט

72

חד גדיא

כ׳האָב פאַר אייך אַ מעשהלע,
אַ מעשהלע גאָר שיין.
דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
געקויפט פאַר צוויי גילדיין.

אַ ציגעלע, אַ ווייסינקע,
אַ שייניניקע ווי גאָלד,
און צוויי גילדיין מזומנע
האָט ער פאַר איר באַצאָלט.
חד גדיא, חד גדיא!

איז דאָך אין הויף אַ קאַץ געווען,
אַ מזיק, ווי באַוואוסט.
האָט קעצלען זיך פאַרצוקן גאָר
דאָס ציגעלע פאַרגלוסט.

דערזען האָט עס הינטעלע,
פאַרדירסט עס אים גאַנץ שטאַרק.
ע׳ר וואַרפט זיך אויף דער בייזער קאַץ
און בייסט איר איין אין קאַרק.
חד גדיא, חד גדיא!

קומט שטעקעלע אין כעס אַרייַן,
און טראַכט גאָרניט קיין סך,
און שפּאַלט דאָס קעפּל הינטעלען
„דו הונט, ס'איז ניט דיין זאַך!"

חד גדיא, חד גדיא!

צעפּלאַקערט האָט זיך פייערל,
פאַר כעס צונטער־רויט:
„דו שטעקעלע, דו פלעקעלע!
איך מאַך דיר באַלד אַ טויט!"

חד גדיא, חד גדיא!



מ. מ. וואַרשאַווסקי

73

שמחת תורה

קינדער, מיר האָבן שמחת תורה,
שמחת תורה אויף דער גאַנצער וועלט.
תורה איז די בעסטע סחורה,
אַזוי האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט.

אוי־וויי, אוי־אוי־אוי.
פריילעך, קינדער, אָט אַזוי!
רענדלעך פאַלן פון די זעק,
פריילעך אָן אַן עק.

כאָטש איך בין אַן אָרעם יידל
און עס דאַרט מיר גוט דער מוח.
שמחת תורה זינג איך אַ לידל
נ׳מאַך אַ גוטע כוסה אויך.

אוי־וויי, אוי־אוי־אוי אאַז״וו.

דבורה גיב מיר די נייע קאַפּאָטע,
כ׳וועל זי אָנטאָן טאַקע אַצינד.
כ׳וועל דיר זאָגן, אַז אַלץ איז בלאָטע,
אַבי מען איז ברוך השם געזונט.

אוי־וויי, אוי־אוי־אוי אאַז״וו.


Con brio
חת - שם רה - תו חת - שם בן - חא סיר דער - קינ
די איז רה - תו וועלט צער - גאנ דער אויף רה - תו
סים בי - ר דער חאם זוי - א רה- סחו סט- בטס
דער - קינ לייך - פריי אוי אוי אוי וויי אוי קנעלם- גע אונדז
לעך - פריי זעק די פונ לן - פא לעך - רענד זוי- א אם
סך אן טן לעך פריי זייק די פונ לן- פא לעך- רענד עק אן טו

מ. ריוועסמאַן

74

חנוכה, אוי, חנוכה

אוי, חנוכה, אוי, חנוכה
אַ יום-טוב אַ שיינער.
אַ לוסטיקער, אַ פריילעכער,
נישטאָ נאָך אַזוינער.
אַלע נאַכט אין דריידל שפּילן מיר,
זודיק-הייסע לאַטקעס עסן מיר.

געשווינדער, צינדט, קינדער,
די חנוכה-ליכטעלעך אָן.
זאָל יעדערער באַזונדער,
באַזינגען דעם וואונדער
און טאַנצן פריילעך אין קאָן


Con moto

אברהם רייזען סאָלאָמאָן גאָלוב

75

ברוך אתה

ברוך אתה, זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט.
און די שטראַלן, מילדע פאַלן
אויף זיין בלאַס געזיכט.

און אַ פייער, הייליק טייער
אין די אויגן לייכט.
און דער מידער, מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלייכט.

און עס דאַכט זיך און עס טראַכט זיך:
ס'איז נאָך עפּעס דאָ.
ס'איז געבליבן וואָס צו ליבן,
הייליק איז די שעה.

אַלטע קלאַנגען, לאַנג פאַרגאַנגען,
ניין, ס'קלינגט נאָך אַצינד.
זינג מיר טאַטע, ברוך אתה
און איך בלייב דיין קינד.


Moderato
ער און פע - מא דער זינגט תה - א רוך - ב
דע - סיל לן שמרא די און ליכט די צינדט
זיכט - גע בלאס זיין אויף לן - פא
די אין ער - מיי ליק - היי ער - פיי א און
די סיב דער - סי דער און לייכט גן - אוי
גלייכט - - גע - אויס זיך האָט דער - גלי

מ. ריוועסמאַן

76

היינט איז פּורים

היינט איז פּורים, ברידער,
עס איז דער יום־טוב גרויס.
לאָמיר זינגען לידער
און גיין פון הויז צו הויז.

לאַך, יידעלע, לאַך!
אַ יום־טוב דיר מאַך!
קינדס־קינדער געדענקען דעם נס.
זינגט, קינדערלעך, זינגט!
טאַנצט פריילעך און שפּרינגט!
דעם טייערן טאָג ניט פאַרגעסט.

היינט איז פּורים, ברידער,
עס איז דער יום־טוב גרויס.
לאָמיר זינגען לידער
און גיין פון הויז צו הויז.


con brio
טוב יום דיר איז טס דער - פרי רים ד פו איז היינט
פון ניין און דער - לי גמן - זינ סיר - לא גרויס
א לאך לע - דע - יי לאך Fine הויז צו הויז
דעם- קען- דענ - גע דער - קינ קינדס סאך דיר טוב יום
און לעך - פריי מאנצט זינגט לעך- דער- קינ זינגט נס
גייסט - פאר ניט מאג רן - ע- פיי דעם שפרינגט

י. פּיראָזשניקאָוו

77

המן־טאַשן

יאַכנע דוואָשע פּאָרט אין שטאָט,
האַלט זיך אין איין פּאַקן.
זי דאַרף אויף פּורים קויפן מעל,
המן־טאַשן באַקן.

האָפּ! מיינע המן־טאַשן,
האָפּ! מיינע ווייסע,
האָפּ! מיט מיינע המן־טאַשן
ס'האָט פּאַסירט אַ מעשה.

ס'גייט אַ רעגן, ס'גייט אַ שניי,
ס'קאַפּעט פון די דעכער.
יאַכנע פירט שוין קאָרן־מעל
אין אַ זאַק פול לעכער.

האָפּ! מיינע המן־טאַשן אאַז"וו.
יאַכנע טראָגט שוין שלך־מנות
צו דער מומע יענטע,
צוויי־דריי שוואַרצע המן־טאַשן,
האַלב רוי, האַלב פאַרברענטע.

האָפּ! מיינע המן־טאַשן אאַז"וו.


Moderato
איין אין זיך האלט סטאָט אין פאָרם סע- דוואָ נע - יאַכ
סטעל פון - קוי רים - פו אויף דארף זי קן - פאַ
נע - סיי האָפּ קן - באַ שן - מאַ סן - ה
all.
סע - ווײַ. נע - סיי האָפּ שן - מאַ סן - ה
ן - מאַ סן - ח נע - סיי סיב האָפּ
סה - סע סה - סע א סירם - פאַ האָם

מ. מ. וואַרשאַווסקי

78

יום־טובדיקע טעג

אַז די יום-טובדיקע טעג הייבן זיך אָן באַווייזן
ווער איך ביי מיר אַ גדול.
איך לייג מיר אַוועק די שער און אייזן
און וואו איך האָב ביי מיר אַ נאָדל.
אויפגעהערט נייען, אַרבעט זוכן,
האַרצעדיקער טאַטע!
אַ ביסעלע וויין אום יום-טוב צו פאַרזוכן
איז בעסער ווי לייגן אַ לאַטע.

אַז די יום-טובדיקע טעג הייבן אָן פאַרגיין,
האַרצעדיקער טאַטע!
איז ווידער שניידן און ווידער נייען
און ווידער לייגן אַ לאַטע.
ווידער ציט זיך דאָס אַלטע לעבן,
עס נעמט ביים האַרצן רייסן!
אוי, ווייי, חנה, סערצע-לעבן,
צי האָסטו ניט וואָס צו פאַרבייסן?!


Con brio